STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06714

LIDER UN POEMEN

M. D. Guiser

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

EX LIBRIS
JACOB BEN-AMI

משה דוד ניסער

לידער און פאעמען

בוענאָס איירעס
1933

Copyright by
M. D. Guiser

הילע, אָרנאַמענטיק און אָנהויב־אותיות,
געשניצט אין לינאָלעאום פֿון
משה פײגנבלום

CANTOS Y POEMAS

— DE —

MOISES DAVID GUISER

BUENOS AIRES 1933

PRINTED IN ARGENTINE

לידער

23/XII 1948

מיין מאַמע, רבקה

ווייט, ווייט איבער יאַמען
איז אַ שטאָט פּאַראַנען.
שטאָט, אַ שטאָט, דו ווייטע,
דערציייל מיר פון מיין מאַמען!

מאַמע, ליבע מיינע!
איבער וויסט פון וועגן
קומט מיר שטיל דיין ליבשאַפט
אומעטום אַנטקעגן.

איבער מיר — די שטערן,
דערנער אין דער נידער.
מאַמע, דיינע טרערן —
בלוט פון מיינע לידער.

טראָגט אייך, לידער מיינע
איבער ווייטע יאַמען,
טרעפט איר אויף אַ קבר,
גריסט, גריסט מיין מאַמען.

די רויז
(אַ ניגונדעלע)

איז אין וואַלד אַ רויז געוואַקסן
אויף אַ קליינעם דאָרן=בוש.
אירע בלעטלעך צאַרט=געווינקלט,
ווי דער גלאַנץ פון רויטן פּלוש.

פול מיט טוי, האָט זי געשמייכלט
און דעם גאַנצן וואַלד פאַרבלענדט,
נאָר, ווער ס'האָט געוואָלט זי רייסן,
האָט צעשטאָכן זיך די הענט.

האָט זי זיך געשפּילט מיט ווינטלעך
און געפליסטערט האָט זי שטיל:
לאָזט מיך וואַקסן מיט מיין שיינקייט,
לאָזט מיך לעבן, ווי איך וויל.

און אַזוי געשיצט פון דערנער,
האָט זי זיך אַליין געהיט,
און פאַרשמעקט דעם וואַלד אינגאַנצן
און פאַר אַלעמען געבליט.

אין אונדזער צייט

דאָס איז די צייט די אייזערנע...
נײן!
די שטאָלערנע איז
מיט דראָטן קופּערנע, ווי סטרונעס אָנגעצויגענע
אויף מויערן, אויף סלופּעס — אַ וואונדערלעכע האַרף,
וואָס שפּילט עלעקטריש דאָס ליד פון אונזער בלוט.

באַנען אונטער איר,
קוימענס — בלײַ און רויך,
רעלסן שטאָלערנע,
בריקן, שטאַנג און שטאַנג.
מאַרך, בלוט און שווייס, אין אויפשטייג פון איר שוואונג —
זעט זי פינצטער אויס, די צייט, די נײַע צייט...

און ווי חילות איבער איר, די וואָלקנס —
שטאָל און בלײַ

און פולוועד - פול, מיט אומגעדולד שטייען די הארמאַטן גרייט
מיט גומענס שטאָלערנע און אָפענע צו יעדער זייט געזעגנדם;
שטאָל, שטאָל, שטאָל!..

נאָר בלויז די שנייד - מאַשין,
זי ווייסט אַן אַנדער ליד צו זינגען אויפן פעלד:
ברויט וועט זיין,
זאָל זיין —
זאָל זיין דער מאַמען ערד וויליק איר געזאַנג,
אויף היינט, אויף מאָרגן און אויף יאָרן לאַנג.

געטער־שקיעה

עס צינדט זיך שוין שקיעה אויף קעפּ פון די געטער,
וואָס ברענען אין אָפּשיין פון זונען ־ פאַרגאַנג.
פאַר זיי איז נישטאָ מער קיין העלפער, קיין רעטער,
דער חושך פאַרשלינגט זיי און ס׳טוט אונז נישט באַנג.

זיי שטאַרבן פון היצן און קעלטן צעפרעסן,
און ווערן צעטראָגן אויף ווינט און אויף שטויב.
איצט וועלן זיי ווערן אויף אייביק פאַרגעסן,
און ס׳וועט זיי נישט קיינער שוין זינגען קיין לויב.

די געטער זיי בלוטיקן רויט אין די שקיעות
פון זונען ־ פאַרגאַנגען און הויערן שטום...
און ס׳פרעפלען די פריסטער פּאַת זיי אויף די קניעס,
און ס׳נעמט זיי דער טויטלעכער פּחד אַרום.

זיי קושן דעם שטויב פון די געטער ־ געשטאַלטן,
וואָס ציים האָט באַצויגן מיט שימל און ראָסט.

און ס׳העלפט נישט, זיי קאָנען מיט גאָרנישט פאַרהאַלטן
דעם טויט פון די געטער, וואָס שטאַרבן פאַרלאָזט.

עס צינדט זיך שוין שקיעה אויף קעפּ פון די געטער,
וואָס ברענען אין אָפּשיין פון זונען - פאַרגאַנג;
פאַר זיי איז נישטאָ מער קיין העלפער, קיין רעטער,
דער חושך פאַרשלינגט זיי און ס׳טוט אונז נישט באַנג.

מויערער?

מויערער פון אומעטום,
שטיין - העקער און שמידן,
וואָס בויעט איר מיט אומגעדולד?
— מיר בויען פּיראַמידן!

פּיראַמידן בויעט איר?
צו וואָס, פאַר וועמענס-וועגן?
— מיר שאַפן פאַר דער אייביקייט,
די ספינקסן קענט איר פרעגן.

ווער פייניקט אייך און טרייבט דערצו,
צו בויען רום, פאַר וועמען?
— מיר ווילן לאַנג, אויף אייביקן,
די פייניקער פאַרשעמען!...

מ ש ה   ר ו ה ג י ס ע ר

* *
*

א מענטש איז אויפגעשטאנען שטרענג און דרייסט - א נייער,
נישט פון פלייש און בלוט — א מענטש פון פלאם און פייער.

אים האלט קיין זאך נישט אפ, ער ווייס זיין וועג אויף זיכער;
מיט אויפברויז און געשאל ער טראגט זיך, ווי א וויכער.

ער שטורעמט אויף די טאלן און די בערג צעשיט ער,
א מענטש, וואס זיין דערשיינען איז אויפשטאנד און געוויטער.

פיינאַכט

(באַלאַדע)

אין פייכטער פינצטערניש, אויף שוועלן פון אַ מאַרמאָר־הויז,
ליגט אַ זאַק מיט שמאַטעס און ס׳קוקט פון דאָרט אַרויס —

אַ געלער שאַרבן - קאָפּ, אַ מענטשלעכע געשטאַלט
און נעבן אים אַ הונט, אַ קרעציקער. — ס׳איז קאַלט.

עס זיפט און ס׳שטעכט אַ רעגנדל מיט שאַרפע נאָדלען, דין;
און אַ לאָמפּ, אַ ווייטלעכע, וואַרפט פעדים ווי אַ שפין

און וועבט זיי ביידן איין, פאַרפּלאָנטערט זיי און בינדט
צוויי אָרעמע געשטאַלטן, און ס׳פייפט און ס׳בלאָזט דער ווינט.

זיי טוליען זיך און וואַרעמען, זיי נעמען זיך אַרום
מיט הענט און פּיס צונויפגעדריקט, און ביידע זיפצן שטום.

זיי ציטערן און דרימלען איין מיט זענגדיק געכראָפּ,
מיט פּיס צו פּיס, מיט בויך צו בויך, מיט קאָפּ צו קאָפּ.

די גאַס איז פול מיט ליידיקייט, די גאַס איז טויט און לער,
און איבער איר עס שפּרייט זיך אויס דער ווינטער־נעבל שווער.

ער לייגט און טוט אויף הייזער אַן אַ בלינד און שווער געוואַגט,
אַז קיינער זאָל נישט זען, ווי ס'שלאָפט אַ מענטש מיט
הונט באַנאַנד.

נאָר ראַפּטום, ווילד, עס שפּרינגט דער הונט פון אָרט אויף מיט געוויין
און נעמט פאַר גרויל אין פינצטערניש זיך יאָמערלעך פאַרגיין.

עס ליגט אין נאַכט דער שמאַטע זאַק, אומהיימלעך, שרעקלעך שווער
און אונטער אים דער שאָטן-מענטש. ער רירט זיך שוין נישט מער.

די שוועלן זענען אייזיק - קאַלט, זיי זענען גליטשיק - נאַס,
און דאָס וואָיען פון דעם הונט שניידט דורך די טויטע גאַס

און שלאָגט זיך אין געזימסן אָן מיט פינצטערניש באַפאַרבט,
און ס'בייסט דער הונט ביז בלוט די צונג, און גוססט אויך,
און שטאַרבט ...

ביים צלם

די פרעמד דו ביסט מיר, פרעמד, געקרייציקטער צום צלם!
ווי נישטיק ס'איז דיין טרויער אנטקעגן ווייטיק מיינעם.
און מעגן נאָנעם זוכן ביי דיינע פיס אַ היילונג,
נאָר איך וועל שטיין און לאַכן, אויב ווען ס'גלוסט זיך וויינען.

ווער האָט דיך אויפגעהאָנגען ביים שייד־וועג פון די טראַקטן?
און ווען קאָנסטו טרייסטן מיט בלייכקייט פון דיין פנים?
גאָר אַנדערע פרימאָרגנס און אַנדערע פאַרנאַכטן
גליען היינט, ווי פייער, אויף בלוט פון מיינע פאָנען.

זיי פלאַטערן, די פאָנען, מיט פרייד, ווי רויטע זעגלען,
און דו, דו הענגסט אַ שטאַרער, געקרייציקטער פון דורות,
ווען ס'קומען אָן געזאַנגען, וואָס טראָגן זיך מיט חדווה
פון ווייטע צפון - סטעפּעס, דורך דזשונגלען און דורך פּריירעס.

דו ברענגסט נישט מער קיין בשורות פאַר קיינעם נישט, פאַר קיינעם,
איך שפאַן פאַרביי די טראַקטן, וואו שטום דו הענגסט אין גליווער,
און ס'שרייט אין מיר דער ווייטיק און זינגט אין מיינע ביינער
דאָס ליד פון ניי דערלייזונג, דאָס ליד פון אַלע לידער.

דאָס איז דער מענטש

דאָס איז דער מענטש אין זיין געשטאַלט,
צו בענטשן אים איז נישט גענוג.
ער איז שוין טויזנט דורות אַלט,
דאָס גרויסע קינד, וואָס האַלט זיך קלוג.

ער שפּאַנט, ער גייט וועלט - אויס, וועלט - איין
און זיינע אויגן פרעסן אַלץ.
און אויף די וואונדן פון זיין פּיין
ער שיט מיט גאַנצע הויפנס זאַלץ.

און אומעטום, וואו ס'קומט זיין שפּאַן,
מיט שטיינער האַגלט יעדעס אָרט.
עס איז קיין רו שוין נישט פאַראַן,
דאָרט, וואו ס'פאַלט זיין מענלעך וואָרט.

ער טראָגט מיט זיך דעם עלטסטן שפּור
פון וויסטעניש, פון ווילדן וואַלד.
ער איז דאָס קינד פון טיפסטן אור,
א קינד פון טויזנט דורות אַלט...

פרילינג

פרילינג אויף האַרט - ערד,
פרילינג אויף שטיינער.
פרייד פון דערוואַרטונג
זאַפּט אין די ביינער
טריפן די הימלען מיט בלויקייט - חלומות
און לויטער געשליפן, פאַרפרילינגט דער רוים איז.

זינגען די הייזער און גאַסן מיט פרילינג
און ווינטלעך, און שטראַלן מיט שאָטנס זיך שפּילן,
און גרין-גראָז באַווייזט זיך מיט יוגנט פון שפּראָצן
דורך שטיינערנע שפּאַלטן; אויף ווענט און אויף דעכער
און שויבן צעשטוינטע מיט שפּיגל - שיין גלאָצן
אויף צויבער פון פרילינג, וואָס האָט אינ׳ם עכאָ —
צעקלונגען,
צעזונגען
דאָס וואונדער פון בליען,
דעם אָנזאָג פון וואַקסן אויף שטיינערנעם באָדן.

און וואו נאָר אַ בוים איז פאַרווינקלט, פאַרוואָרפן,
שטייט ער און פרייט זיך מיט בלעטער באַלאָדן,
און וואו נאָר אַ טורעם, און וואו נאָר אַ קוימען,
גליט ער און פינקלט מיט שטאָלץ אין די רוימען.
און סקווערן, און בוימער, און שינעס, און דראָטן,
אַלץ שפּילט זיך און וויגט זיך אין ליכט און אין שאָטן
אַלץ יובלט מיט פריידן פון מענטשן געווימל,
פרילינג און פרילינג אויף ערד און אויף הימל.

שטיי אויף!

שטיי אויף, דו מאַן, פאַרטונקלטער,
פאַרהאַרטעוועט אין פּיינען! —
דער טאָג איז אויפגעגאַן,
די זון הויבט אָן צו שיינען

אויף דעכער פינצטערע,
אויף פענצטערדיקע שטאָקן,
און ס'קלינגען צביעותדיק
די קלויסטערדיקע גלאָקן.

שטיי אויף, דו מאַן, באַגעגענען —
דעם אַרבעטס-טאָג, דעם שווערן,
עס לאָזן זיך סירענעס שוין
פאַרהייזעריקטע הערן.

זיי רופן ערנסטע,
זי וואָרענען און דראָען:
אַ סוף, אַ סוף צו פרידלעכע,
חלומותדיקע שאָען.

שטיי אויף, דו מאַן, עס נעמען זיך
די גאַסן שוין באַוועגן.
טראָג גיך די קראַפט פון מוסקולן —
אַ קרבן צו די זעגן;

צום שווינדל - גרילץ פון ציין - רעדער,
שטיי אויף, דו מאַן, געשווינדער.
און שלייף דיר אוים אין פינצטערניש
אַ ניי און געטלעך וואונדער...

רויטער רייטער

רויטער רייטער
פון דער וועלט!
ס'גאָלדיקט ווייטער
שוין דאָס פעלד.

לאָז דיך איילן
אויף דיין פערד,
איבער מיילן
פון דער ערד.

פלי און פונקל,
שעמעריר,
וואו ס'איז טונקל —
רייס די טיר.

דאָרט, וואו פינצטער
צינד אַ שיין, —
רויטער פרינץ, דער
טאָג איז דיין!

צוימען, דראָטן —

ברעך און רייס,
טרייב די שאָטנס
טאַבון - ווייז.

ווילדער שלאָג זיי,
יאָג געשווינד,
און צעטראָג זיי,
ווי דער ווינט.

פּאַכע, שליידער
מיט דיין שווערד!
ווייטער, ווייטער,
אויף דיין פערד!

איבער היגלען
און דאָרט, וואו
ס'האַלטן ריגלען
טוירן צו.

העלער, הייטער,
שיין פון טאָג...
רויטער רייטער,
פלי און יאָג!

זאַמלער

עס איז אַ שווערט דאָס וואָרט, מיר ווילנס מער נישט שטאַמלען,
מיר האָבן אוצרות נאָך פּאָר דורות איינצוזאַמלען.

מיר האָבן קיינמאָל נישט דעם מוט צום פיינט פאַרלוירן.
די יונגע מאַמע לעבט — זי וועט אויפסניי געבוירן.

די קינדער צאַפּלען שוין אין אירע אינגעווייידן.
דורך רוף פון ווייטיקן עס קומען אָן די פריידן.

אָהאָ! זיי קומען אָן, זיי קומען שוין וואָס גיכער — — — — — —
די מעשיות ווערן שוין פאַרשריבן אין די ביכער:

אַ פעלד פון פרוכטבאַרקייט עס שענקען אונז די ערדן,
מיר האָבן אַקערס שוין געשמידט פון אונז׳רע שווערדן.

מיר האָבן זריעה שוין אין ערד - שוים טיף פאַרבאָרגן
און ס׳גייען זאַנגען אויף אין ליכט פון אונזער מאָרגן.

די נאַכט האָט לאַנג פאַרשפּרייט אויף אונז איר שוואַרצן שאָטן,
פאַרפּלאָנטערט אונז אין נעץ פון דערנער און פון דראָטן.

דעם ווילן איינגעקנוילט — איצט ווערט דער קנויל צעריסן,
און מיר, מיר רייסן זיך צום זיג פון העלן וויסן.

ווער ס'ליבט די פינצטערניש, דער זאָל זיך מיט איר האַלטן,
מיר שעפּן אינהאַלטן אַרויס פון קוואַל, פון אַלטן.

מיר צינדן שטאַרקאַצן די שאָטנס צו פאַרטרייבן
און ס'וועלן מעשיות נאָך פון אונז אַ סך פאַרבלייבן.

גענוג אין פינצטערניש פון שטום זיין, זיין באהאלטן!
איצט האלט א נייער רוף אין אלע חושים ארט;
מיר ווילן ווידער זיך געבערן און געשטאלטן,
און פלאם פון מאס זאל זיין אין יעדן שארף פון ווארט..

קנעכט

יעדער טראָט פון אונז —
אַ צייכן איינגעשניטן
אין דער האַרטער ערד.
נישט איינער האָט פון אונז פייניקונג געליטן
און נישט איינער האָט דעם רוף פון שאַנד געהערט:

קנעכט!
איר זיינט געבונדענע —
צו אייערע טעג און נעכט;
איר זיינט פאַרמשפטע
צו דינען שטרענג דעם ווילן
פון אונזער גרוילהאַפטער און שווידערלעכער צייט;
די צייט,
וואָס נוקמט זיך אין בענקשאַפטן,
די צייט
פון גיריקער בלוט - דורשטיקייט,
די צייט
פון אומרעכט און גערעכט,
ווען בלוט - גיריק איז ערד
און מענטש איז האַרטנעקיק און שלעכט.

ווייל גרויל איז אויפגעגאנגען פול, ווי אַ געשוויר,
אויף ערד אומפּרוכטבאַרער,
און פרעך הענגט איבער איר
די אומפאַרשעמטע זון —
פאַרקופּערט אין איר שאַנד
און שמעלצט ביז קרענקלעכקייט —
שקיעה אויפן לאַנד...
קנעכט! —
נישט קיינמאָל האָט אַ וואָרט אַזוי דאָס לייב געביסן,
ווי פייער ס׳ברענט און גליט — אַ שאַנד־פלעק דער באַטייט.
עס האָט געפּלאַצט געדולד,
ווי שטאָל - שפּליטערס צעריסן,
און ס׳געוויסן
ס׳מענטשלעכע, עס שרייט:
קנעכט?
יעדער טראָט פון אונז —
אַ שאַנד אויף אייער שטערן.
אָ, הארן בּיטערע!
מיר קומען איצטער שטרענג
די רו פון אייך, די זיכערע, אויף אייביקן צעשטערן
און פאָדערן מיט מוט און קראַפט —
דאָס רעכט פון אונזער רעכט!

העי, שטאָלערנער ריטער!

העי, שטאָלערנער ריטער,
מיט אייזערנע נערוון!
וואו רייטסטו אין שווערן גאַלאָפּ?
דיין פערד איז פאַרבלוטיקט
און ס׳קלינגט, ווי אַ שאַרבן,
דיין שווערער באַקיווערטער קאָפּ.

אַ שלאַנג האַלט פאַרוויקלט
דעם לויף פון דיין אימפּעט
און איבער דיר הענגט אַ קאָרשון,
וואָס דרויט אין זיין פלאַטער
און שרייט אומגעלומפּערט:
אַ טויט דיר, פאַרשאָלטענער זון!

וואו טראָגט דיך, וואו יאָגט דיך
דער ווינט פון דיין ווילן
דורך סטעפּן פון טויט און צעשטער,

ווען בליצן זיך שלאָגן
מיט בלייערנעם טונקל,
ווען אַלץ איז אומהיימלעך און שווער?

ווען ווייטן און נאָענטן
פאַרבאָרגן אין וואָלקנס
דעם אָנזאָג פון טאָג און באַניי...
— וואו רייטסטו מיט טומל,
דו, שטאָלערנער ריטער,
וואו טראָגט דיך דיין מענטשלעך געשריי?

ריאַטשועלאָ

געווידמעט די קרבנות פון 12-טן יולי, 1930

באַגינען,
מאָרגנפרי,
אַ נעפּל שפּרייט זיך איבער גאַסן אויס.
גייט דער אַרבעטער פון שטוב אַרויס.
און טריב, מיט בענקעניש קוקט אים נאָך זיין הויז...
וואו לויפט ער און וואו איילט ער דאָס אַצינד
אין קאַלטן מאָרגנפרי,
אין רעגן, סליאָטע, ווינט,
פאַרלאָזנדיק זיין ווייב,
פאַרלאָזנדיק דאָס קינד?...
דאָס רופן די סירענעס, „אַנזאָג" פון פאַבריק;
און ס'הוזשען די טראַמווייען שוין מיט אימפּעט, הין און צ'ריק.
פאַרשפּעטיק נישט, די צייט איז קורץ, דער וועג איז לאַנג!
אַן אויגנבליק, אַ פלי, אַ שפּרינג
און כאַפּ זיך אַן אין דעם, וואָס לויפט, אין מיטן גאַנג...
דער ווינט, ער פייפט; דער ווינט איז ווילד,
ער פרייכט, ער קייכט, ער ברומט און שילט.

און דער נעפּל קנוידערט זיך אַלץ פינצטערער צונויף,
און עפּעס שניידט זיך דורך דער פינצטערניש און טראָגט זיך
ווילד אין לויף...

אָנגעפּאַקט, צונויפגעדריקט,
מאַן אויף מאַן, קאָפּ אויף קאָפּ
און אַ טראַמוויי - אויג מיט געלן שווידער קוקט;
קיינער ווייסט נישט, קיינער קלערט נישט פון'ם טויט;
דער טייוול טראָגט זיך, יאָגט זיך
אינ'ם נאָמען הייליקן פון נויט...
גיכער, מאָטאָרמאַן! בלייב נישט שטיין, נישטאָ קיין צייט
די שאָ איז קורץ, דער וועג איז ווייט!
שוין רופן ווידער די סירענעס און זיי שרייען הויך,
און די קוימענס שטיקן זיך מיט פולע גומענס רויך.
ווער ס'דרימלט נאָך, זיך ווינגנדיק, צום לעצט־מאָל אויף אַ באַנק,
און טראַמוויי - רעדער גרילצן אוים אַן אויסטערליש געזאַנג:
חעי, ווי קאַלט עס איז, וואָס זאָגסטו, חבר, צו דעם פראָסט?
און דער נעפּל גרייזשעט, פרעסט און פרעסט דאָס לייב מיט נאַסן ראָסט.
העי, וואָס יאָגט עס שנעל מיט אימפּעט דער טראַמוויי
און שניידט שאַרף גרילצנדיק די לופט אַדורך אויף צוויי?
נישט קיין רוחות טרייבן אים, פון מאָטאָרמאַן די האַנט,

האַלט אים אינ׳ם ווילדסטן פענד, עלעקטעריש געשפּאַנט.
אַט אַזוי! וואָס גיכער יאָג און אייל! עס בלענדט דאָס ליכט,
און ווייס ווי קאַלעך איז דעם מאַטאָרמאַנס געזיכט —
צוויי אויגן, רויטע, וואָרענען אַקעגן אים מיט שיין:
געוואַלד! בלייב שטיין! דעם לויף האַלט איין!
דו ביסט ביים ברעג, ביים טייך, ביים ראַנד ! ! !
נאָר ס׳זעט נישט מער דער מאַטאָרמאַן, געליימט איז זיין פאַרשטאַנד.
דער „ריאַטשועלאַ" וואַרט מיט מוטנעקייט, מיט עיפּושדיק געדולד,
ר׳איז פול היינט — איבערפולט —
מיט וואַסערן; די בריק איז אויפגעהויבן, אָפּגערוקט פון אָרט
און מיט אָרעמס אָפענע׳וואַרט דער שטראָם,
דער ברודיקער, ביים באָרט...
עס גיט אַ פלי, אַ ברום פאַראיינמאַל מענטשלעך פיין,
און עפּעס פאַלט מיט ראַשן בראַזג אין ווילדן שוים אריין.
דאָס וואַסער שטורעמט אויף, עס קאָכט, צעשוימט זיך ווילד,
עס הערט אויף רואיק זיין און שווער ס׳זאָל זיין געשטילט,
דען קולות מענטשלעכע צערייסן באַלד די לופט.
דער מענטש, דער שיפעריונג, אין מיט פון טייך, פאַרצווייפלט רופט;
די שיפלעך איילן זיך פון אומעטום, פאַרווירבלטע אין שטראָם.
עס טרייבט דער ווינט דעם רוף דעם מענטשלעכן,
טומל, רעש, ווירוואַר —

העי, גיכער העלפט!

ראַטעוועט!

געשווינד!

געפאַר! געפאַר!! געפאַר!!!

א וויסט צוזאַמענלויף פון מענטשן,

מאַן און ווייב און קינד.

אַן אומגעזעענעם לעבעדיקס דערוואָרגן ליגט אין תהום...

טרויער, צאָרן, כעס, אויפברויז און געוויין.

די טויכערס אַרבעטן. דער טאָג איז ווינטיק־קאַלט, ר'איז נאַס

און הילפסלאָז שטייט די גאַס...

מען ציילט די טויטע שוין — פאַרבלוטיקטע, פאַרשמירטע, פאַר־
קלעפּט מיט ליים

נישטאָ שוין פאַר זיי מער דער חלום פון אַ היים.

ווייבער, קינדער, עלטערן, — אַ יאָמערן, אַ קלאָג —

און קאַלט און וואַסערדיק צעגעניצט זיך דער טאָג.

אַ בריוו

דאָ הונגערט מען ביי אונז, דאָ זוכט מען ברויט און אַרבעט,
דאָ מעג מען איבער גאַסן בלאָנקען פראַנק און פריי.
נישט קיינער וועט דיר שטערן אפילו דאָ צו שטאַרבן
און אויב דו ווילסט זיך ווערן, איז שלעכט דיר סיי ווי סיי.

דאָס לאַנד איז דאָ אַ זוניקס, וואָס דאַרף מען, זאָג, נאָך בעסער?
דאָך ווערט פון הונגער טרוקן, ווי אַ ברעט — די צונג.
דו האָסט צוויי הענט געזונטע, כאָטש שנייד זיי מיט אַ מעסער,
נישט קיינער דאַרף זיי האָבן, און דו ביסט שטאַרק און יונג.

דו קאָנסט אַ וועלט צעברעכן, דערלייזן און דערהויבן,
נאָר דו מוזט מיאוס דערווערגן דאָס קול דיינס אין דיין האַלז;
ווי קען מען מענטשן וועקן, וואָס האָבן נישט קיין גלויבן?
ווי קען מען אויף די וואונדן שיטן הויפנס זאַלץ?

דו גייסט אַרום אַ בלייכער און טראָגסט מיט זיך דעם עלנט
פון טויזנטער דיינס גלייכן, ווי דו, פון נויט געקרייצט.
אויף גזימסן, ווענט און זיילן, אויף קאַלטע מאַרמאָר-שוועלן
פאַלט אַ הונט — דיין שאָטן — און ס׳לעבן לאַקט און רייצט...

הונגער

דער טאַטע נעמט דאָס קינד אויף זיינע הענט צו טראָגן
און גייט פון שענק צו שענק פאַר אַלע מענטשן זאָגן:

אַז ס'איז נישטאָ שוין מער גאָרנישט צו פאַרלירן,
עס קלאַפּט דער הונגער שוין מיט שרעק אין אַלע טירן.

די שפּייכלערס זיינען פול מיט עסנוואַרג און ברויטן,
און קיינער שטייט נישט אויף, וואָס זאָל די רייכע נויטן

די שפּייכלערס עפענען — די ברויטן צו צעטיילן,
פאַר די, וואָס הונגערן — אין טויזנטער צו ציילן.

די נויט, מיט מויז-געפּישטש, טרייבט אַנגסטלעך פון די הייזער
אַרוים די קינדערלעך — נישטאָ פאַר זיי קיין שפּייזער.

די הענטלעך אויסגעשטרעקט, די אויגעלעך פאַרריסן,
און ס'בלאַנדזשעט אום אַ הונט — דאָס נאַקעטע געוויסן.

פאַרשאָלטן זיין זאָל דער, וואָס וויל די נויט באַהאַלטן!
שריי און יאָמער הונט: דאָס שווייגן זאָל זיך שפּאַלטן.

די שפּייכלערס זיינען פול מיט עסנוואַרג און ברויטן,
און מענטשן שטאַרבן אויס מיט אַלע הונגער - טויטן.

אין שיין פון לאמטערן

א קרענקלעכער נאכט - פלעק אין שיין פון לאמטערן.
קאפּעען און שענקען מיט שפּיל פון ביליארד.
אין האלבער פארטויבטקייט א שטים טו איך הערן:
וואס זיצסטו פארגולמט, גרויסשטאטישער בארד?

דו האסט נישט קיין פידל, קיין פויק און קיין הארפּע?—
לאז ברומען א ניגון פון ווייטיק — דיין ווארט.
מיט דונער פון זילבן צעשטער און פארשרפּע
די נינוויי פון איבל, פון זנות און פון מארד.

דעם ביר אויסגעזאפּן. דער שוים איז געבליבן,
און ס'זעצט אין דער לופטן א קרענקלעכער דזשאז,
ווי אימיץ וואלט מוראשקעם בייזע פארטריבן
צו דיר אין די בלוטן — דער פּייך און דער האס.

אנטלויף און באפריי דיך פון רויך, פון די רינגען,
וואס זויגן, ווי שלאנגען, דיין מארך און דיין זאפט!
נישט לאז דיך פון גיפטיקן לאנגווייל פארשלינגען
צעריים דיך פון גליווער מיט לידער פון קראפט.

אונדזער האַמער

אונזער האַמער שלאָגט זיין שלאָג
אומאויפהערלעך יעדן טאָג.

און ער איז אויף קלעפּ נישט קאַרג, —
וואָס ער שמידט, דאָס שמידט ער שטאַרק.

אייזן - שטאַבעס, גליאיק - ווייס,
אָן שום שטערונג שלאָגט זיין כעס.

ווערט אַ פעסטער צייכן באַלד,
דאָרטן, וואו זיין אימפּעט פאַלט.

אונזער האַמער — זיינע קלעפּ
מאַכן דין די גרעבסטע גרעב;

בויגן, קנייטשן שטאָל און שטאַנג,
וויל ער — מאַכט ער קורץ און לאַנג.

ברעכט ער, קאַרבט ער, ציט און שווייסט,
ווי אים אונזער ווילן הייסט...

גענוג אין רו געשוויגן

דאָס אומבאַוואוסטע, אומדערקלערטע, ווערן זאָל באַוואוסט.
זאָל איינמאָל פול מיט רעגונג זיך הויבן אונזער ברוסט.

זאָל איינמאָל אונזער עוולה אַרוים פון איר באַהאַלט
אויף גאַסן און אויף מאַרקן מיט נאַקעטן געוואַלט.

נישטאָ זיך וואָס צו שעמען, זאָל ווייזן זיך די שאַנד
מיט אייטערדיקע וואונדן — די הארן פון דעם לאַנד.

ווי איידער ס'קומט דער שטורעם, ווען אַלץ איז גרוייזאַם־שטיל,
זאָל פּלוצים אונזער צאָרן צעטראָגן זיין געבריל.

זאָל פּלוצים אונזער אויפברויז פּאַלן שווער, ווי בליי
אויף קעפּ פון אַלע הארן — מיט האַגל פון געשריי.

גענוג אין רו געשוויגן, דעם דונער - בליץ אַן אָרט,
און זאָל ער אומגעשטערט זיין, זאָגנדיק זיין וואָרט.

און זאָל ער אַליין פאַרברענען מיט זיין פייער - שווערד
און דאָרט, וואו שלעסער זיינען, זאָל ווערן שטויב און ערד.

געווג שוין אָן רחמנות דערוואָרגן יעדן רעג,
וואָס האָט אין בלוט געפייערט און לאַנג געזוכט זיין וועג.

די צוימען פריי געלאָזן, אַרוים די פייער - שלאַנג
און לאָמיר נעמען ס׳לעבן דורך שטורעם און געזאַנג.

צום ווידערשטאַנד

האַלט פעסט זיך, פעסט אָן מאַסטבוים פון דער שיף,
ווען ס'וויל פאַררעטעריש דער אָפּגרונט זי פאַרשלינגען
צי אָן די זעגלען שטייף, פאַרקייטל זיי מיט שטריק,
און זאָלן ווינטן בושעווען,
און זאָלן ווינטן רייסן זיך
מעשוגענע פאַר כעס.
שטיי דרייסט ביים מאַסט פון דיין געטרייער שיף,
וואָס קלעטערט צאַפּלדיק אויף בערג פון כוואַליעס שוים,
ווען ס'וואַרפט זיך הין און צ'ריק ס'קדחת פונ'ם יאַם,
ווען ס'שליידערט זי דער ווינט מיט איבער־קראַפט פון מאַכט.
און אָדלערס קומען אָן — די שוואַרצע וואָלקן גרויל,
און פייער בליצט אַרויס פון יעדנס שנאָבל - מויל,
און ווילד געקראַקעריי, און דונערן, און בליץ,
גיבן אימהדיק אויף דיר מיט שרעק אַ שפּריץ.
און אַלץ פאַראייניקט זיך:
פאַרשלונגען דיך,

באַצוואונגען דיך,
און ס'זידט און ס'קאָכט דער בייזער יאַם,
ווי ס'וואָלטן קרעמפּן אים געוואָרפן פון זיין בעט,
און ס'פייפט דער ווינט מיט בייז געשפּעט,
און קלאָגט, און ברומט,
און וואָלקנס נידערן אויף אים מיט שווערער לאַסט,
גלייך ס'וואָלט געוועזן דיין שיף פון יאַם און ווינט פאַרהאַסט
און דו, אויף טויט אויף זיכערן באַשטימט,
איך מיטן האַרץ פוןברייטן יאַם. וואַס רינגלט דיך מיט טויט ארום
און ברויזט, און זידט,
און שוימט, און גליט,
און רופט מיט כעס: קום אום! קום אום! —
נאָר דו האַלט פעסט זיך, פעסט, אַן מאַסטבוים פון דער שיף...

דיכטער

פערזן, איינס און איינס, וואונדערלעכע ריטמען,
ווי קלינגענדיקן גאָלד אויף פּראָסט פּאַפּיר צעשיט מען:

אָ, די דיכטער, זינגער — די אייביקע פאַרשווענדער, —
זיי מאַכן ווידערשפּעניק די קנעכט אין אלע לענדער.

זיי זינגען מאָדנע זאַכן, וואָס יעדער ווייס פון לאַנג עס;
פון בלומען און פון פויגל — און אַלץ ביי זיי געזאַנג איז.

אַ הויז, אַ בריק, אַ קוימען, די טייכן און די יאַמען,
און גיסן צו נאָך בוימל, וואו ס׳נעמט אַ פייער פלאַמען.

נישטאָ פאַר זיי קיין תפיסה, קיין גראַטעס און קיין שלעסער,
זיי שטעכן מיט די ווערטער, נאָך ערגער ווי מיט מעסערס.

זיי ברענען מיט די לידער, זיי צינדן מיט די בליקן,
ווי לאַווע אין די אויוונס פון שמעלצטעפּ אין פאַבריקן.

זיי נעמען מענטשן פּראָסטע, דאָס אָפּפאַל פון די גאַסן,
און זאָגן צו זיי: חלומט, און לערנען אויס זיי האַסן.

און זינגען זיי פון פעלדער, פון וועלדער, גרינס און גראָזן —
און וואו אַ פונק פון צאָרן — אַ פייער זיי צעבלאָזן.

ווער רופט זיי, ווער באַדאַרף זיי? אויב זינגען, זינגט פאַר זיך נאָר!...
וואָס ווילן זיי, וואָס ווילן, די בלאָנדזשענדיקע דיכטער?...

איך, וואָס האָב געאָטעמט רויך מיט פולע לונגען
און פלעג מיט שווערע צוואַנגען די גרעסטע טיגלען הויבן,

— — — — — — — — — — — — — — —

זאָלן לידער זינגען און מײַנע מעשים לויבן...

* * *

איר, ווילדע בלימעלעךביים וועג!
אָ, לאָזט, איך וועל אייך רייסן
און כ׳וועל זיך אויסצירן מיט אייך,
אין רויטן און אין ווייסן.

איך וויל אייך אָטעמען אין זיך
מיט נאָזלעכער און לונגען.
אָ, קומט באַשיינען מיר מיין וועג!
אָ, קומט באַשמעקן מיר דעם קאָפּ, דעם יונגן.

כ׳וויל נאַקעט שפּירן אייך אויף מיר,
שטעכט איין אין מיר די דערנער - שאַרפן,
ביז ווייטיקן; עס שמעקט מיט אייער דופט,
ווי גוט עס איז אין שוים פון גראָז זיך וואַרפן.

מיך ציט צו אייך, איך בין ביי אייך, ווי טראָפּנס צוויי,
אַ בלום צווישן בלומען,
ווי ווילט זיך איינמאָל כאָטש דעם פרישן מאָרגן-טוי —
דערפילן קילנדיק אויף לייב און גומען!...

מ ש ה   ד ו ד   ג י ס ע ר

צום תלין

מאַרטער, פּייניק, תלין בייזער,
שינד מיין הויט, כ׳זאָל שרייען.
ס׳וועט נישט העלפן — אַ דערלייזער
קומט די וועלט באַפרייען.

צאַפּ מיין בלוט, עס שפּריצט, זאָל שפּריצן...
דיל און ווענט באַגאָסן.
הער, דורך קרייצונגען פון בליצן
קומט ער אָן, אַנטשלאָסן.

זיין געשריי איז קריץ פון ציינער,
ס׳ציטערן די טראָנען...
ער איז טויזנטער, נישט איינער,
מערער פון מיליאָנען.

מאַרטער, תלין, פּיין נישט מינער,
בלוט און בלוט מעג רינען.
ס׳וועט דיך דעם דערלייזערס דונער —
אומעטום געפינען.

האָט איינער געזונגען

האָט איינער געזונגען פון טרויער,
האָט טרויער אויף אַלץ זיך צעגאָסן,
און שטיל האָבן מיידלעך פאַרטראַכט זיך,
מיט וויעס די אויגן פאַרשלאָסן.

די מיידלעך, זיי ליבן דעם טרויער,
זיי וואַשן אים האַרציק מיט טרערן,
אומגליקלעך איז דער, וואָס ער ווייסט נישט,
ער איז אַ פאַרלאָשענער שטערן.

האָט איינער געזונגען פון פריידן,
האָט חדוות אויף אַלץ זיך צעגאָסן.
און העל האָבן קינדער געשמייכלט —
מיט ווילדע געלעכטערס געשאָסן.

די קינדער, זיי ליבן די פריידן,
זיי לאַכן פון האַרצן ביז טרערן.

אָ. גליקלעך איז דער, וואָס צעלאַכט זיך,
זיין לעבן איז פול מיט באַגערן.

האָט איינער געזונגען פון ווילן,
האָט ווילן אויף אַלץ זיך צעגאָסן.
און ס'האָבן זיך יונגען באַוואָפנט,
מיט גבורה פון שטאַרקע קאָלאָסן.

די יונגען, זיי ליבן דעם ווילן,
זיי ברומען אים אוים ווי די בערן:
אָ, גליקלעך איז דער, וואָס פאַרמעסט זיך,
צו אים וועט דאָס לעבן געהערן!

ב ע ר ג

בערג
און בערג
אַרום
און
ארום...
קלעטערן, קלעטערן
שווייגנדיק שטום.
אויסטערליש, אימהדיק, שניי אויף די קעפּ,
אָפּהאַנגען - בערג, טרעפּ איבער טרעפּ.
אייניק געשמידטע,
קייטן און קייט,
אַרויף און אַראָפּ,
קרום-בייכיק געדרייט.
גיגאַנטן און ריזן — פּאַר שטורעם — אָן שרעק,
וואָס שפּרייזן אויף הינלען, העט ווייט, ווייט אַוועק.
וואָס קריכן, פּאַרקריכן זיגזאַגיק-קרום,
וואָס שלונגען, פּאַרשלונגען דעם אויטאָס געברום.

באַשאָטנט, צעריסן, פאַרגליווערט און שטאַר,
העל־זוניק צעזונגען און טונקל פון צער.
גאָלד־גיניק, בלוי־רויטלעך, באַוואקסן אויף גרין,
אַ קער און אַ ווענד — אַ הער און אַהין.
אַ שפרונג און אַ דריי, אַ ראָד אין אַ רינג,
גרוים־ברוסטיק פאַרפאַנצערט, גרין־גראָזיק און יונג.
שפּילנדיק, פאָלנדיק, שטייגנדיק אויף,
אָ, וואונדער פון אויפשטייג אין חלום אין־סוף!

די גוטע ברידער

פאַרצווייפלט און דערשלאָגן, מיד
פון הונגערן און שרייבן לידער,
האָט ער זיך צ׳ריקגעקערט אין שענק
צו זעען זיך מיט גוטע ברידער.

האָט ער זיך צ׳ריקגעקערט אין שענק,
און ווי ער איז אַריינגעקומען,
האָט אים די טוכלעקייט פון דאָרט
מיט רויך און שוויים אַרומגענומען.

האָט אים די טוכלעקייט, פון דאָרט —
ביים טרינקען ביר און קנאַקן קערלעך,
געוויזן אים די אַלטע פריינט,
וואָס מורמלען, „אַז ער לעבט נישט ערלעך".

געוויזן אים די אַלטע פריינט,
איז דאָרט געוואָרן אַ גערודער,

און יעדער האָט אַ האַנט געשטרעקט:
וואָס מאַכט אַן אַלטער, גוטער ברודער?

און יעדער האָט אַ האַנט געשטרעקט,
געהייסן ביר און וויין דערלאַנגען,
און גלאַט אַזוי אים שטאַרק געליבט,
און ליבנדיק, זיך ווייט פאַרגאַנגען.

און גלאַט אַזוי אים שטאַרק געליבט,
געשאָלטן פיינט און פריינט באַשפיגן,
און טרינקענדיק, האָט ער דערהערט,
ווי ס'גרילצט ביי זיי אין מויל דער ליגן.

און טרינקענדיק, האָט ער דערהערט,
ווי ס'וויינט אין אים זיין גוף דער מידער:
אַנטלויף, באַפריי דיך פון דער שענק
און פון די אַלטע גוטע ברידער.

א י ך

איך בין דער און איך בין יענער, און איך בין װעה איך זאָל נישט זײן.
װער פרעגט בײ װעמען, װאָס איך בין, איך בין אַ שװערד, איך בין אַ האַרף
און כ׳בין די גאַנצע װעלט אַלײן, און איך בין אַלץ, װאָס איך נאָר דאַרף.
איך בין די נויט, איך בין די שרעק, איך בין דער שלאָף, װאָס
װיגט מיך אײן,
איך בין די פרײד, איך בין דאָס גליק און כ׳בין דער שקלאַף
פון זיך אַלײן,
און כ׳בין דער הערשער איבער זיך, און כ׳בין פון טױזנטער ס׳געװײן.
און כ׳בין דער שטורעם-גלאָק, װאָס װעקט פון פינצטערניש די
מידע קנעכט,
און כ׳בין דער פונק, װאָס שפרינגט אַרױס פון יעדן האַרטן קיזל-שטײן.
איך בין דאָס בײז געװאָיערײ פון װעלף אין שװאַרצע װיסטע נעכט
און כ׳בין דער אױפגאַנג איבער מיר — איך בין דער יאָ און
כ׳בין דער נײן.
איך בין דער דינסטער שטױב, איך בין דער װאָלקנבררוך און
כ׳בין דער בליץ,

און אַלץ, וואָס פּילט מיין האַרץ, איז מיין און אויסער מיר איז גאָרנישטאָ,
נישט טאָג, נישט נאַכט, נישט גליק, נישט אייביקייט, נישט
עלנטקייט צומאָל.
און כ'בין דאָס אויג, וואָס זעט דאָס אַלץ און כ'גלויב דער
קראַפט, וואָס איך באַזיץ,
און ווייל איך לעב, נעם איך פאַר ליב די פּיין, די פרייד — און
כ'דאַנק אַ יעדער שאָ,
וואָס שענקט מיר קראַפט פאַר אייביקייט, און מאַכט מיין זיין, ווי שטאָל.

פאראַן אַזאַ איינער

פאראַן אַזאַ איינער ביי אונז אינ'ם לאַנד,
מאַכט מען זיין נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד.

און ער איז דער איינציקער דאָ אויף דער שטעל,
וואָס צאָלט פאַר דעם אמת מיט בלוט פון זיין פעל.

און ער איז דער איינציקער דאָ אויפן אָרט,
ביי וועמען עס לעבט נאָך פון שיינקייט דאָס וואָרט.

ער האָט נישט קיין זילבער, קיין גאָלד, גאָט באַהיט!
נאָר ריטמען, וואָס טריפן מיט בלוט פון אַ ליד.

נאָר פערזן, וואָס האָבן דעם איידעלן קלאַנג
פון גינגאָלד געהאַמערט, און לויטער געזאַנג.

און אים איז באַשערט דאָ צו טראָגן די לאַסט

פון גוטס און פון שיינקייט און ווערן פאַרהאַסט.

פון לעבן באַשאַנקען און קריגן דעם לוין —
אַ שטיין און פון דערנער — אַ שטעכיקע קרוין.

אַ וואָגלער, אַ בעטלער, דאָך שיין אין זיין שאַנד.
פאַראַן אַזאַ איינער ביי אונז אינ׳ם לאַנד...

אין הונגער

נישט מיט פלייש און נישט מיט פיש,
איז געגרייט דער אָרעמער טיש
פון אונזער שטוב.
מיין ווייב,
אויב ס׳לעבן איז דיר ליב,
פאַרשעם נישט אונזער ברויט;
פאַר אונז איז טריב —
אַ יעדער שאָ,
און ס׳איז קיין זאַך צו זעט נישטאָ,
נאָר שטענדיק נויט און נויט...

צו אונז זאָגט הארב אַ יעדער טאָג:
אין גיפט פון שיין טונק איין דאָס לייב...
געדולד, מיין ווייב!
נישט וויין, נישט קלאָג,
אין פיין, אין נויט דעם צער פאַרטרייב.
און מיש מיט מיר, און טייל דאָס בלוט,
ווי אונזער אָרעם הייליק ברויט;
מיין ווייב, זיי שטאַרק,
אַזוי איז גוט,
באַהעפט צו זיין — אַ בונד ביז טויט...

נישט קיין האַרפע

נישט קיין האַרף און נישט קיין ציטרע
שפילן צאַרט, ווען מיר געפעלט.
גלאַט אַזוי זיך נעם איך כיטרע
לאַכן פון דער גאַנצער וועלט.

כ׳האָב אַמאָל מיט צאַרטן ציטער
אויפגעוועקט דעם טיפסטן פיין,
איצטער לאַך איך שאַרף און ביטער
און איך וויל אַ קלאָון זיין.

כיכי, כאַכאַ, ווילד געלעכטער,
טראָג פאַרשייט זיך, ווער נישט מיד,
ס׳איז דיין טויש מיר נישט קיין שלעכטער,
בעסער חוזק, ווי אַ ליד.

אומעטום, וואו וועסט דערלאַנגען,
לאַכן וועט אַ יעדער בויך.
וואָס מיר לידער, ווער געזאַנגען,
כ׳לאַך און כ׳וויין אפילו אויך...

דערלייזונג

פליסט בלוט אין די אָדערן —
גליענדיק בליי.
שרייען מאַשינען אַן איינציק געשריי:
אַרבעטער דו,
פאַרוואָגלט פון רו;
דיין ווילן,
דעם שטילן,
פון קנעכטשאַפט באַפריי!
די צייט איז געקומען
מיט שטרענגן באַפעל,
ווי גלאָקן — זאָל ברומען,
די שטים פון דיין קעל.
ווי פייער זאָל גליען
און בריען —
דיין בליק,
די שרעק און דעם פחד —

דערווערג און דערשטיק.
זאָל וועקן,
אַנטפּלעקן —
דיין טראָט און דיין שפּאַן
דעם שטאָלץ פון דעם ניי אויפגעשטאַנענעם מאַן,
וואָס האָט אין די אייגענע וואונדיקע הענט
די קראַפט פון זיין שטאָלערנעם האַמער דערקענט.
וואָס האָט זיך דערהויבן
מיט גלויבן
און גייסט,
אַליין זיך באַפרייען — און ווערן דערלייזט.

איך בין פון בלוט אַ שמידער

אייזערנע באַגערן,
שטאָלערנער פאַרלאַנג.
וואָס כ'וויל זאָל גלייך מיר ווערן
אויף פליגל פון געזאַנג.

נישטאָ אַזוינס פאַרבאָרגן,
וואָס פילט עס נישט מיין האַרץ.
מיין קול איז נישט דערוואָרגן,
מיין פויסט איז האַרט, ווי אַרץ.

איך בין פון בלוט אַ שמידער
און כ'פלאַם מיט שאַרפע רייד,
דאָך זינגען מיינע לידער
מיט ווייכקייט פון אַ פליים.

נישטאָ אַזוינס אין ווילן,
וואָס זאָל נישט זיין פאַר מיר.

איך קאָן מיט צאָרן ברילן
און פלאַקערן מיט גיר.

און אַלץ, וואָס שווער — דערגרייכן
אין מיין געצוימטן געזאַנג,
און פאַר מיינע ס'גלייכן —
ברענגען אַ געשאַנק.





צו מיין טאַטן...

גלי און פּיין אויף מיינע וואונדן,
ערגעץ האָב איך נאָך אַ טאַטן,
וואָס איך בין צו אים געבונדן
און זיין אַרבעט כ'האָב פאַרראַטן.

ער איז נאָך א רינגען - שליסער
אין דער קייט פון לאַנגע דורות.
טאַטע, פּסח, מעשׂנגיסער,
כישוף - פיילער פון מנורות.

מיך האָט ס'לעבן האַרט פאַרשאָלטן,
איז אַ בושה מיר פאַר מענטשן.
ווען זאָל איך לייכטער גיסן,
אז מען וויל קיין ליכט בישט בענטשן?

טראָג איך מיך אַרום מיט לידער,
ווי מיט לוחות, ס'האַרץ אין קלעמען.
זוך איך שוועסטער, זוך איך ברידער,
ווער עס זאָל די לוחות נעמען.

I

יידל ממזר, יידל מויז
שטייט און קוקט די אויגן אויס
ביי דעם ראַנד פון גרויען פּאָרט,
און ער רעדט נישט אויס קיין וואָרט.

ס'איז דער הימל כמאַרנע, טריב,
נאָר ער נעמט דאָס אַלץ פאַר ליב, —
שטייט און קוקט אין ווינט, אין קעלט,
נישט ער כעסט זיך אויף דער וועלט.

ס'גייט אים קיינער איצט נישט אָן,
כאָטש עס שיטן זיך, ווי מאָן,
מענטשן - מחנות — סאַראַ שרעק! ...
ווען אַ שיף נאָר קומט צום ברעג:

קומט אַ טאַטע צו אַ זון, —
נישט אים גרינגער ווערט דערפון;
קומט אַ ווייבל צו איר מאַן,
נישט פאַר אים איז גליק פאַראַן;
קומט אַ מיידל צו איר פריינט, —
נישט פאַר אים דאָס מזל שיינט.
קיינער קומט צו אים נישט, ניין!
ציפּט דאָס האַרץ אים פאַר געוויין.
זעט, ווי מענטשן האָבן גליק,
שיפן קומען, גייען צ׳ריק,
פירן גרוסן, טראָגן פרייד
טיף אין זייער אינגעווייד,
נאָר פאַר אים איז אַלצדינג אוים —
יידל ממזר, יידל מויז...

II

יעדער טאָג, אין זעלבער שאָ,
ווי אַ שאָטן איז ער דאָ.
ווי אַ שאָטן, ווי אַ פלעק
צוגעוואַקסן צו דעם ברעג.
קיינער ברענגט אים נישט קיין טרייסט.

קיינער ווייסט נישט, ווי ער הייסט,
קיינעם איז ער נישט קיין שאָד
אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט.
ערגעץ קומט ער פון אַ לאַנד,
ס'איז אים באַלד שוין אומבאַקאַנט,
וואו? פון ווּאַנען? וויפל יאָר? —
כאָטש ס'זעט אויס, ווי נעכטן גאָר.
קיינער האָט אים נישט באַגלייט,
נִיט קיין מאַמעס ליבע רייד,
נישט קיין טאַטנס שאַרפער זאָג,
נישט קיין פרייד און נישט קיין קלאָג.
שווער געהאָרוועט ביז צום טויט
פאַר אַ שטיקל טרוקן ברויט,
און געשלאָפן ר'איז אַזוי,
ווי אַ הונט אויף מיסט און שטרוי,
ווי אַ הונט,, אָן היים, אָן הויז, —
יידל ממזר! יידל מויז!...

III

ווער דעם נאָמען ס'האָט דערקלערט —
מיט דעם וואַרפן זאָל די ערד!
דעם זאָל ווערן ס'לעבן מיאוס,

דאָרט, וואו ס'שטייען זיינע פיס.
אַלע מענטשן זיינען שלעכט,
שטענדיק בלייבן זיי גערעכט.
וואו אַ מיאוסקייט וויזט זיך גראָב,
פאַלט עס שווער אויף יידלס קאָפּ,
וואו אַ חטא און וואו אַ זינד, —
יידל, יידל, ממזר - קינד!
שטענדיק שאַנד און שטענדיק שפּאָט;
יעדעס קינד אַ טאַטע האָט,
נאָר ער איינער איז אַליין,
נישט קיין טאַטע האָט ער, ניין!
קינדער שפּילן זיך מיט פרייד,
נאָר בלויז ער פון ווייטנס שטייט;
קוקט מיט שנאה, שטוינט און גאַפט
און זיין האַרץ — ווי האַמערס — קלאַפּט.
שטייט פאַריינזאַמט ביי דער זייט,
ביז מען זעט אים פון דער ווייט,
ביז אַ ליאַרעם ברעכט ארויס:
יידל ממזר, יידל מויז...

IV

קיינער ווייסט נישט, ווי אַרום

אויסגעוואַקסן ר׳איז אַן מום;
פּים געזונטע, שטאַרקע הענט,
פון דער זון גאָר אָפּגעברענט,
גרויסע שליפיעס, פעסטע ציין,
„יעדער דאָרן וואַקסט אַליין.״
ס׳נעמט אים נישט די גרעסטע פרעסט,
נישט קיין קעלט און נישט קיין פעסט.

— — — — — — — — — — — — — — —

בער געדאַליע, דער גביר,
האָט באַגראָבן קינדער פיר ;
און דעם רבינס זיבן זין
זיינען אַלע קראַנק און גרין;
אויך ביים סאַמע ראש הקהל
שטאַרבן קינדער אַלע מאָל, —
בלויז דער ממזר בלייבט געזונט,
אַזאַ מזל פון אַ הונט!
— עך, ווי לאָזט מען דאָס אין שטאָט? —
קרעכצן ווייבער: — גאָט באַראָט!
אויב עה בלייבט נאָך דאָ אַ יאָר,
בלייבט פון קיינעם נישט קיין האָר.
קינדער שטאַרבן פאַר דער צייט
און דאָס בלוט צום הימל שרייט...

זאָל ער גיין זיך און פאַרגיין,
ס'שטעטל וויל נישט ליידן מיין!

V

— — — — — — — — — — — — — —

ס'גאַנצע שטעטל קומט צונויף
אין דעם רבינס גרויסן הויף;
מאַנספּערשוינען — גרויע בערד,
ווייבער שרייען, קוים מען הערט.
אויף דער שטאָט־באָק אינ'ם רעש
מעקעט, גלייך ער פרעגט: וואָס טייטש?
ווער דערלאָזט דאָס? ווי און ווינד!
איז די שטאָט דען טויב און בלינד?
וואָזשע זאָגט דערויף דער רב?
„ווי דעם פּאַסטוך! ווי די שאָף!"

„יידל ממזר, יידל מויז,
ס'איז אויף דיר אַ גזר ארויס,
גיך פאַרלאָז זאָלסט דעם קאַנט" —
מאַכט ער טויב זיך, ווי די וואַנט.
שיקט מען צו אים אידן צוויי —
לאַכט ער גאָר זיך אויס פון זיי,

און ער ווייזט אַ לאַנגע צונג; —
אַט אַ חוצפּה פון א יונג!
בלייבן די שילוחים שטיין,
ביז ער שווייגט און לאַכט נישט מיין.
און זיי זאָגן: יידל מויז,
זאָג, וואָס קומט דען דיר דערויס?
ווען דו בלייבסט דאָ, הער זיך איין,
וועט פאַר דיר נאָך ערגער זיין.
ביסט געזונט, נאָך יונג און שטאַרק,
האָסט דעם קאָפּ נאָך אויפן קאַרק,
געבן וועט דיר קהל געלט,
גיי און פאָר, וואו דיר געפעלט...

VI

טעג פאַרגייען, וואָך נאָך וואָך,
ס'איז אים גוט — וואָס דאַרף ער נאָך?
אינ'ם אויוון ס'פייער קנאַקט,
און ער קנעט דאָס טייג און באַקט
פרישע ברויטן — ס'שמעקט פון זיי;
הענט געבענטשטע האָט ער צוויי.
וואָסער בעריע פון אַ יונג? —
ס'טייג ביי אים איז פעדער-גרינג.

יעדעם ברוינ איז ווי א ראָד, —
איינער אין דער נייער שטאָט.
ס׳טוט ביי אים זיך, אָן פאַרוואָס,
ס׳קוועלט פון אים דער באַלעבאָס,
און ער ציטערט פאַר דעם „גאָב״
טאָמער רעדט מען אים נישט אָפּ.
אָבער ס׳טרעפט זיך טיילמאָל, ווען —
יידלען גיט אין האַרץ א ברען,
עפּעס שרעקלעכס, א געפיל,
אַז דאָס בלוט זיינס ווערט אים קיל:
טאָמער ווערט מען דאָך געוואָר,
אַז ער איז דאָס יידל גאָר,
יידל ממזר! ס׳רויבט די שרעק,
אים די צייט פון שלאָף אַוועק.
וויפל וואָכן, וויפל טעג
נע ונד געווען אין וועג?
וואו אַ דערפל, וואו אַ שטאָט,
וואו אַ רינשטאָק, וואו אַ סאָד,
וואו אַן אָפּטריט, וואו אַ שטאָל —
אויסגעשפּיגן דאָרט די גאַל.
דורכגעוואַנדערט יעדן טראַקט,
און מיט העקערס האַלץ געהאַקט,

און מיט קריפּלען, בלינדע לייט,
זיך געשלעפּט אַ לאַנגע צייט.

VII

גוט איז יונג צו זיין און דרייסט,
בעסער איז נאָך, ווען דו ווייסט,
אַז אַט דאָ, אין זעלבן הויז
וואַרט מען און מען קוקט דיך אויס.
קנעטעסט דאָס טייג און ווערסט נישט מיד,
ס׳זינגט אין דיר די פרייד אַ ליד,
און אין אויוון ס׳פייער קנאַקט,
ברענט און פלאַקערט צו צום טאַקט:
מיידל, מיידל, מיידל גאָלד,
כ׳האָב דיך ליב און כ׳האָב דיך האָלד!

הוליע קבצן, וואויל איז דיר,
וואָס דו ביסט נישט קיין גביר!
נישט דיין שפּייכלער ווערט פאַרברענט, —
נישט דיין עשרות ווערט פאַרלענדט, —
דו ביסט פריילעך, זינג און טאַנץ,
כל זמן ביסט נאָך שטאַרק און גאַנץ!

VIII

לייזער בעקער, לייזערוק!
ביסט קיין נאַר נישט, גיב אַ קוק:
האָסט אַ מויד? — איז נישט געטראַכט,
זאָל אַ קנס - מאָל זיין געמאַכט.
ס׳איז דער יונג אַן אוצר דאָך, —
זאָג, וואָס קלערסטו נאָך און נאָך?
גרייט די טישן, שטעל דעם וויין,
זאָל אַ גרויסער יום טוב זיין!

אָפּגעוואַשן, צוגעקעמט,
אויסגעפּוצט אין שענסטן העמד
און אין בעסטן אָנגעטאָן
זיצט דער חתן אויבן אָן:
מזל-טוב, מיט גליק זאָל זיין!
כלה, כלה, קום אַריין!
דאָ איז טינט און דאָ די פּען —
„זאָל זי וויזן, וואָס זי קען״.
זע, דאָס גליק, וואָס האָסט געפּאַקט,
חתמע, חתמע דעם קאָנטראַקט.
נדן, סילוק, כך וכך,
ברעכט די טעלערס — טרראַך און טרראַך...

נאָר דער חתן זיצט אין שוויים,
ס׳ווערט אים קאַלט און ס׳ווערט אים היים,
וויים ווי קאַלעך, אָטעמט שווער, —
קוק: ווער זיצט דאָס דאָרטן, ווער?
פון זיין שטעטל, בערל רויג,
מיט דער סקאַלקע אויפן אויג,
מיט די קוליעס ביי דער זייט,
קוקט אויף אים די גאַנצע צייט,
קוקט און שמייכלט, דוכט זיך, צו:
כ׳האָב געפּאַקט דיך, יונגאַטש דו.
איצטער וועסטו נישט אַרויס
פון די הענט מיר, יידל מויז,
כאַטש אויף קוליעס און אַן פוס,
ברענג איך דיר „אַ גוטן גרוס".
— זאָג, דערקענסט מיך, וואוילער יונג? —
שטעלט זיך אויף און גיט אַ הונק
אויף די קוליעס צו אים גלייך —
— חתן, כ׳האָב אַ גרוס פאַר אייך!...
— האַ, אַ גרוס? טאָ נאַ דיר לוין...
צו דער ערד פאַלט דער פאַרשוין,
ווי אַ סנאָפּעק צו דער ערד,
און אַ גרויסער טומל ווערט.

ס׳פּלאַצט דער בליצלאָמפּ, ס׳פאַלן ליכט,
חשך, פינצטערניש געדיכט...
עפּעם קערט זיך, דרייט זיך, פאַלט,
ווייבער חלשן — גערואַלט! —
קינדער וויינען אין געדרענג.
ס׳פאַלן טישן, ס׳קרעכצן בענק,
גלעזער פליען איבער קעפּ,
ווילד געשריי און שווערע קלעפּ...

נישט קיין גליק איז אים באַשערט,
ס׳האָט אַ הונט שוין מער די ווערט;
וואָזשע קומט עס אים, פאַרוואָס,
ער זאָל ליידן אָן אַ מאָס,
אַז אַ יעדן שווערן שטיין
זאָל מען וואַרפן אים אַליין?
ר׳איז קיין גנב נישט געווען
און אים מוז נאָר שלעכטס געשען.
רק נאָר שלעכט און שלעכט, און שלעכט...
וואו איז יושר? וואו איז רעכט?

IX

שווימט אַ שיף אינמיטן יאַם,
איז אויף איר אַ טאַראַראַם:

טערק, און טאַטער, און מאַדיאַר
מאַכן פריילעך זיך צו נאַר;
דייטש און פראַנץ, און פאָרטוגעז
שפּילן „פיטש-פּאַטש” אין געזעם.
און דער פּאָליאַק צו דעם ייד
ליובקעט זיך איך גוט געמיט,
רעדט מיט האַרציקייט און פרייד
זיסע, לאַקריצדיקע רייד.

אָבער יידן, כל ישראל,
פאָרן דאָ אין גרעסטער צאָל:
פון באַריישע און לובלין,
קראָקע, קאָוונע און פון ווין,
חיפה, לאָנדאָן און בראַזיל,
און פון וואו אַליין מען וויל...
אַלץ איז פריילעך און פאַרטון,
זון און יאַם, יאַם און זון...

X

גייט דאָרט איינער אום אין פּיין,
קוקט פון שיף אין יאַם אַריין,
הערט זיך צו די כוואַליעס צו,

ווי זיי וואַרפן זיך אָן רו,
ווי זיי רוישן דאָס פאַר כעס,
שפּריצנדיק מיט שוימען ווייס.
גאַנצע נעכט און גאַנצע טעג,
פאָרשט ער נאָך די שיף אין וועג;
אַזוי נעכטן, אַזוי היינט, —
נישט ער זוכט זיך אוים אַ פריינט,
פרעגט מען אים, פון וואו ער שטאַמט, —
גיך אַנטלויפט ער, ווי פאַרסמט,
ווי געביסן פון אַ שלאַנג,
און פאַרשווינדט אויף שאָען לאַנג.
וואוזשע פאָרט ער? ער אַליין,
טראַכט און קאָן עס נישט פאַרשטיין;
פליקט און קנייפּט זיך, בייסט די האַנט,
ברענט פאַר ווייטיק און פאַר שאַנד,
וויינט און כליפּעט, פלוכט און שעלט,
און עס וואַרפט אים היץ און קעלט,
און אויך טיילמאָל, ווי אין טרוים,
בלייבט ער שטיל און שעפּטשעט קוים:
„חנהלע, דו ליבסטע מיין!
זאָגזשע, וואָס וועט איצטער זיין?
וואָזשע שווייגסטו אַזוי קאַלט,

חנהלע, מיין שיין געשטאַלט!
ביסטו אויך שוין שלעכט צו מיר?
זע, ווי שטאַרק איך בענק נאָך דיר,
זע, ווי עלנט כ׳בין אַצינד,
חנהלע, מיין טייער קינד!
זאָג, וואָס שטייסטו אַזוי טריב?
האָסטו דען מיך מער נישט ליב?
קוש מיך, האַלז מיך, רעד אַ וואָרט,
וואָרים כ׳שטאַרב דאָ אויפן אָרט״...

XI

מאַכט אַ וואַרע אויפן דעק!
שטעלט זיך ביי דער זייט אַוועק!
מאַכט אַ גרויסן רונדן קראַנץ, —
„אַנדאַלוזיע״ גייט אין טאַנץ.
שפּיל, גיטאַרע! קלונג מוזיק!
מיידלעך, דרייט אייך הין און צ׳ריק,
קלאַפּט מיט פּיסלעך, קניקט און קנאַקט
מיט די פינגער צו צום טאַקט!
יינגלעך, יינגלעך לויפט אַרויס,
יאָגט זיך נאָך און גלייכט זיך אויס,
דרייט זיך אום און לויפט אין רינג

צו די מיידלעך, גיך און פלינק!
„אנדאַלוזיע” טאַנצט מיט פלאַם
אויף דער שיף, אינמיטן יאַם!...

נישט די פרייד און נישט די טענץ,
ניין, נישט דאָס און אויך נישט יענץ,
נישט די קלאַנגען פון מוזיק
מאַכן פריילעכער זיין בליק.
שאַרוועמ כוואַליעס, פלעסקען ווילד;
אומבאַרואיקט, נישט געשטילט,
אויך זיין וויטיק, טיף אָן גרונט
אין אים וואַיעט, ווי אַ הונט.
וואַיע, וואַיע, מזל שיינס —
יידל, ס'איז דיר אַלדינג איינס!
יידל ממזר, שפרינג אַריין
אין דעם יאַם — ועט גוט דיר זיין!
נאָר אַ מילדע, צאַרטע האַנט,
האַלט אים פעסט צום אָרט געשפּאַנט,
צערטלט אים און קושט און גלעט;
שטיי, נישט האָרך דעם יאַם, וואָס רעדט!...

XII

זון גייט אויף און זון פאַרגייט,

און דער יאַם איז גרויס און ברייט.
הימל, הימל, און ביים ראַנד —
קריכן ווייטע שטיקער לאַנד,
קריכן, שלייכן גלייך און קרום,
רינגלענדיק די שיף אַרום.

XIII

פייף, סירענע! פלאַטער, פאָן!
ס'קומט די שיף צום ברעג שוין אָן.
פוצט זיך, וואַשט זיך, פּאַקט די פּעק,
איידער ס'קומט די שיף צום ברעג;
ס'נעמט צום וואַנדער־וועג אַ סוף, —
שפּרינגט פאַר גליק און צאַפּלט אויף,
שטופּט און שפּאַרט אייך צום באַריער,
הענגט אויף מאַסטן גלייך און קווער,
קריכט אויף קאַסטנס, ווי אויף טרעפּ,
שפּאַנט אויף אַקסלען, שטייט אויף קעפּ!
שאָטנס, יאַם־ווינט, לאָמפּן־שיין, —
קומט די שיף אין פּאָרט אַריין:
— „בערל", „שמערל", „הימלבלוי"!
„פלעדערוויש" און „מאָרגנטוי"!
„זילבערגלאַנץ" און „שפּיגלניי"!

יובל, יובל און געשריי...
אַלע נעמען רופֿט מען אויס,
חוץ נאָר איינעם: יידל מויז.

XIV

גאַסן, געסלעך — עדות זענט
פֿון זיין שאָטן אויף די ווענט;
יעדער שוועל דערציילן וועט,
אַז געווען איז דאָרט זיין בעט;
יעדער באַנק פֿון הארטן שטיין —
האָט פֿאַרנומען זיין געוויין.
וואו אַ שאָטן אין דער נאַכט —
האָט ער דאָרטן וויסט פֿאַרבראַכט;
וואו אַ מיסט-באַרג, וואו אַ גרוב —
דאָרט געוועזן איז זיין שטוב.
אַלץ זיך פֿלאָנטערט אין געדאַנק,
וויפֿל איז עס? — יאָרן לאַנג?
צי גאָר נעכטן? וויפֿל פֿאָרט?
ווידער שטייט ער ביי דעם פֿאָרט,
און ער קוקט די שיפֿן אויס,
יידל ממזר, יידל מויז...

דער דריטער

כבין שוין יאַמען אויסגעפאָרן,
כ׳האָב שוין לענדער פיל באַרייזט,
ס׳איז מיין קאָפּ שוין גרוי פון יאָרן
און מיט וואונדן איז מיין גייסט.

כ׳האָב שוין פעלקער פיל געזעען,
קלאָר פאַר מיר איז יעדע זאַך,
נאָר פון אַלע קאָריפעען,
דוכט זיך, בלייבט מיר נישט קיין סך...

נישט גענוג, אַז כ׳האָב געליטן,
כ׳זאָל פון זיך דערציילן אַלץ.

װעל איך זינגען פון אַ דריטן,
שטרעקנדיק דערפאַר מײַן האַלז.

װען אויף יאַמען פאָרן שיפן,
זעען אויס זײ נישטיק קלײן.
רוי דער יאַם איז, אומגעשליפן,
און אויף שיף דער מענטש אַלײן.

גײט ער אום מיט זײַנע זאָרגן,
אויסגעװועפּטע, ביטער, שלעכט...
און ער חשבונט יעדן מאָרגן,
און ער שלאָפט נישט גאַנצע נעכט.

האָט דער יאַם מיט נאַכט צוזאַמען
זיך באַהאָפטן — שטיל זאָל זײַן! —
װי אַ טאַטע מיט אַ מאַמען,
װען די קינדער שלאָפן אײַן.

בײדע ראַנגלען זיך פאַר תּעניג
זיפצן, שעפּטשען שטילערהײט,
שטאַרקער קוש מיך, זיסער פײניק,
און פאַרגעסן זיך פאַר פרײד.

שטיל. די שיף, זי שאַרט זיך זיכער
דורך דעם יאַם - פלאַך אַזוי קלוג,
אַז אפילו פאַר אַ וויכער
האָט זי כוחות גאָך גענוג.

אירע ווענט און אירע מאַסטן
זענען פעסט צונויפגעשמידט,
טראָג זיך, טראָג זיך, נוחם קאַסטן,
שווים און וואַנדער, ווער נישט מיד.

אַלעם, ווען דו ועסט פאַרוויגן,
וואַך וועט בלייבן איינער בלויז,
נישט דער שלאָף וועט אים באַזיגן
און אויך נישט קיין מאַמעס שוים!

אים האָט שטורעם אויסגעריסן
מיט די וואָרצלען פונ׳ם גרונט,
קאָן ער פון קיין רו נישט וויסן,
ווי אַ וואַלדיקער הונט.

גאַנצע נעכט אָן מינדסטן דרימל,
אויגן אָפן, שפאַנט ער סתם,

האָט ער איבער זיך דעם הימל
און פאַר זיך — אַ וויסטן יאַם.

נע ונד, ווער ס׳מוז נאָר ווערן,
דער, וועט אייביק זיין שוין קראַנק,
יעדער צופאַל וועט אים שטערן,
בלייבן אויף אַן אָרט צו לאַנג.

ס׳וועט אים שוין דער גורל טרייבן,
גיין אַנטקעגן טויט און שרעק,
אומעטום אָן היים צו בלייבן,
און אַלץ וואָגלען, אָן אַ ברעג.

איך אַליין געגוג בין עדות
אויף מיין פאָלק, אַז ס׳פליסט אין מיר
ס׳וואַנדער־בלוט פון מיינע זיידעס,
קלאַפּ איך אָן אין יעדנס טיר.

און איך יויער אויף, ווי הייוון,
יעדנס פרעמדן וויין און ברויט,
כ׳בין אַליין אויף זיך אַ מבין,
אַז אָן היים איז שלעכט, ווי טויט...

איינמאָל נאָר האָט זיך פאַרלאָפן,
אויף אַ שלאַנג־געדרייטע שטריק,
האָב איך זיצן אים געטראָפן
מיט אַ דרעמל אינ׳ם בליק.

ס׳פנים זיינס צעקנייטשט, פאַרביטערט,
אָנגעלענט אויף זיינע הענט,
האָט ער קוים נאָר אויפגעציטערט,
האָב איך זיך מיט אים באַקענט.

כ׳האָב קיין היים נישט, כ׳בין דער דריטער
פון מיין שטאַמבוימס לעצטע צווייג,
וואָס אויף אים האָט טויט, דער שניטער,
אויפגעהויבן זיין געצייג.

אויפגעהויבן און פאַרשניטן,
טאַטע, מאַמע, ברידער צוויי,
און מיך בלויז געלאָזט — דעם דריטן
— רעד, דערצייל מיר וועגן זיי!

כ׳האָב געקוקט אין זיינע אויגן,
שוואַרצע, האָבן זיי געגליט

און זיין מויל האָט ס׳וואָרט געצויגן,
ווי דעם ניגון פון אַ ליד.

— — — — — — — — — — — — — — —

אָרע, ברודער, דו געטרייער!
ווען כ׳דערמאָן דיין נאָמען בלויז,
צינדט זיך אָן אין מיר דיין פייער
און איך פיל מיך שטאַרק און גרויס.

דו, האָסט שטורעמווינט געטראָגן,
פלאַם געוועזן איז דיין וואָרט.
זאָל איך אויף דיין לעבן קלאָגן?
זיכער האָט עס נישט קיין אָרט.

ס׳האָט דיין וואָרט געוועקט, געצונדן,
מענטשן שטילע אויפגעברויזט.
— הענט און הענט צונויפגעבונדן
אין אַ ריזידיקע פויסט.

האָט די פויסט זיך אויפגעהויבן,
איז דעם לאַנד אַ סקרוך פאַרביי,
האָט געיובלט אַלץ מיט גלויבן
און מיט האַפערדיק געשריי:

פרייהייט! פרייהייט! זאָל דיין בשורה
זיך פאַרשפּרייטן אינעם לאַנד...
שיינען זאָלסט אויף יעדנס צורה,
ווען ביסט נאָר אומבאַקאַנט.

אָרע, אָרע, צינדסט אַ פלאַם אָן,
וואָס וועט קאָסטן טייכן בלוט!
האָסט פאַרגעסן טאַטע, מאַמען,
און דו זאָגסט, אַזוי איז גוט.

גייען זיי אַרום מיט מורא:
„טאַטע־פאָטער, ווי און ווינד!
נישט אין דיר און אין דיין תורה
גלויבט מיין קינד נישט, וועמענס זינד?״

אָרען אַרט נישט, אָרע הערט נישט,
מוסר, שטראָף־רייד, אין געהיים
אַט געקומען און ער ווערט נישט,
און אין טרויער בלייבט די היים.

נאָך אַלץ, דוכט זיך, הערט מען טרעטן
זיינע פּיס־טריט און ער רעדט:

מאמע, ס'איז אומזיסט דיין בעטן,
וואס ס'דארף זיין, געשעען וועט...

— — — — — — — — — — — — — — —

קעלערס פינצטערע און לערע,
בוידעס־שטיבער, ס'איז באשערט,
אז פון אייך א נייע לערע,
זאל ארויס אויף גארער ערד.

אז דער יונג, וואס האט געטראגן
גלייך מיט יעדן בושה, שאנד,
זאל מיט דרייסט, א שטאלצער זאגן:
כ'וויל באפרייען ס'גאנצע לאנד!

ווענט און מויער קריגן לשון,
שמידער, בלעכער פילן מאכט,
ס'איז א צייט, א נייע דא שוין,
זאל אוועק די שווארצע נאכט!

אין די קעלערן זיך קלויבן,
יעדן אוונט, יונג און אלט,
אונטער שימל־גרינע שויבן,
וואקסט דארט אויס א שטרענג געשטאלט

זיינע אויגן, פלאמען שיסן,
אנדערש נישט, א נביא שטייט,
און ווי בוימל טוט ער גיסן
אויפן פייער זיינע רייד.

— ברידער, ארבעטער! צי ווילט איר
זיך באפרייען? אָדער גאָר
קנעכט און הינט זיין! שטארקער ברילט ער
און ער שויבערט זיינע האָר.

האָט איר שוין געזען א לעמפערט,
ווען ער גרייט זיך, דרייסט, צום שפרונג?
אויסגעשמידטע ווערן קעמפער,
ס׳ווערט איין מאסע, אלט און יונג.

הערצער שלאָגן, הענט זיך איילן,
אָרע, אָרע, ווי אַן אָרט.
גרייט צום אויפשטאנד, רעגעס איילן
און דער שונא גרייט צו מאָרד.

יעדעס האַרץ, געשמידט ווי שטאָל איז,
יעדעס וואָרט זאָגט אָן — געפאַר.

ס׳ציען דורך די שטעט חילות,
ס׳רייט קאָזאַק, דראַגון, הוזאַר.

איין באַפעל און ס׳שטייען באַנען...
ס׳קלינגט דער פרייהייטס-גלאָק: זייט גרייט!
טויט און נידער די טיראַנען!
און מיט ביקס דער זעלנער שטייט...

ביז א טאָג קומט אָן א חלום,
שטורעם, אויפברויז, פרייד, קאָשמאַר...
מיט מיין טייער בלוט כ׳באַצאָל אים
פאַר יענער פרייד און יענעם צער.

מחנות ציען זיך און פלייצן,
פאָנען רויטע איבער זיי.
ס׳שפּאַנט איין פויסט, איין ברוסט, איין פלייצע
פון א ריזיקער אַרמיי.

בלייבט זי שטיין, איז ווי א מויער,
רירט זי זיך, איז אַלץ אין גאַנג.
מאַמעס פילן שוין דעם טרויער
אין די הערצער, ווי א שלאַנג.

נאָר וואָס איז ער אַנגעפלויגן
און אַט איז ער שוין נישטאָ.
ס׳וויינט די מאַמע אויס די אויגן,
ס׳איז פון צאַר דער טאַטע גראָ.

נאָר ער איילט זיך, נאָר ער יאָגט זיך,
ווי אַן אומרו הער־און הין,
— וואָסער אומגליק, קינד מיינס, טראָגט דיך
אין דיין לאַנגן פעלערין?

מאַמע, בלייב געזונט, נאָר וויין נישט!
אָט, נאָר, איז ער וואָס געוועזן.
ס׳דוכט אַ חלום, כ׳ווייס אליין נישט —
כ׳האָב אים ס׳לעצטע מאָל געזען.

יענער טאָג איז רויט פאַרשריבן,
יאָ, דער טאָג געדענקט זיך גוט.
ווען עס איז דער ברוק געבליבן
אויסגעווייקט מיט מאַרך און בלוט.

קוילן פליען, ביקסן קנאַלן,
שווערדן פאָכן, ס׳הירזשען פערד,

מענטשן שטייען אויף און פאַלן,
ווי די סנאָפּעס אויף דער ערד.

אויפן הימל קריכט אַ פייער,
לונעס, לידער, נאַכט אָן שיין.
„טרעפט אַ קויל דיך, מיין געטרייער",
ס'וועט דיין בלוט געניקעמט זיין.

באַריקאַדן, שויבן קלינגען,
ברוך געקראַך פון דינאַמיט.
זעלנער שרייען, מורדים זינגען
און מיין ברודער — אינדערמיט.

ווען מען האָט אים טויט געפונען,
זיבן קוילן אין דער ברוסט.
ס'פּנים זיינס, ווי זיבן זונען,
האָט געשמייכלט פאַר גענוס.

— — — — — — — — — — — — — — — —

שטילער גליטש זיך, שיף, און וויג זיך!
כ'בין דער דריטער, כ'האָב געזאָגט.
מיטן גורל נישט איך קריג זיך,
כ'האָב אַ מאָל נאָר בלויז געקלאָגט.

הײנט איך װײס, אומזיסט דאָס קלאָגן,
נאַריש, נוצלאָז איז געװײן.
װער עס קאָן אײן קלאַפּ פאַרטראָגן,
דער קאָן אויך פאַרטראָגן מײן.

צאַלקע, ברודער, דו געטרײער!
װען איך רעד דײן נאָמען אויס,
פיל איך ערשט, װי ביסט מיר טײער.
שטילע טרײסט אין אונזער הויז.

אויף די פליגלען פון מחשבות,
שװעבט אַ מלאך, רײן פון זינד.
ס׳בעט די מאַמע, אַז זכות אבות
זאָלן בײשטײן נאָר איר קינד.

זאָל אים נישט קײן מכשול שטערן,
„טאַטע-פאָטער״ גאָט באַהיט!
צאַלקע לערנט, קנײטשט דעם שטערן,
לערנט, לערנט, װערט נישט מיד.

שטענדיק שטיל, װי צאַרט און אײדל
ס׳פּנים זײנס, די אויגן בלוי,

זאַנפט די שטים, אַז נישט איין מיידל,
וואָלט געוואונטשן זיך אַזוי.

וויזשע לאָזט עס זיך באַווייזן,
ברידער צוויי, אַזאַ קאָנטראַסט?
איינער קאַמף, ר׳איז שטאָל און אייזן
און דער צווייטער — פרום און פאַסט.

קנייטשט מחשבות, „סברות״, „ספירות״,
בלאָנדזשעט, דייגעט גאַנצע טעג.
צום גן עדן שמאָל די טיר איז,
צום גהינום פריי דער וועג.

אַלט און חרוב איז ס׳בית מדרש,
פינצטער הויערן די ווענט,
בלויז איין בטלן, חיים געדרעש,
רייבט משוגע זיך די הענט.

עפּעס ברומט ער דאָרט אַ ניגון
אָן אַ טעם און אָן אַ זין.
אויף די לוחות קריכן פליגן
און אין ארון — וואוינט אַ שפּין.

צאַלקע איז דער ערשטער, לעצטער
ווען ער קומט און גייט אַוועק.
טאָגט שוין, ביי אַ שטענדער זעצט ער
זיך צום לערנען אַוועק.

זינגט און ס׳טראָגט אַ טויב, זיין קול זיך,
ווי די שכינה, ס׳וויינט און ס׳קלאָגט.
לערן ברודערקע און זאָל זיך
פרייען גאָט, דער בטלן זאָגט.

אַלץ צעלאָפן, יונגע, אַלטע,
(יעדער ציטערט פאַר זיין לייב).
ווער קיין לענטשנע, ווער קיין באַלטע,
אויך דער פרוש צ׳ריק צום ווייב.

שלעכטע צייטן, טעג און וואָכן
לויפן, קומען, אומגעפרעגט.
נישט איין מאַמעס האַרץ צעבראָכן,
איז געוואָרן יענע טעג.

נישט איין קויל האָט פון אַ לעבן,
יונגערהייט געמאַכט אַן ענד.

בלויז די שפינען רואיק וועבן
זייער שפינוועבס אויף די ווענט.

אין אַ צייט אַזאַ, ווען ס׳טראָגט זיך
שרעק און טויט פון דאָ און דאָרט,
שלעכטס און גוטס פאַרביסן שלאָגט זיך, —
קען פאַר פרומקייט זיין אַן אָרט?

דאָך בלויז איינעם, נאָר מיין ברודער
שרעקט נישט גרויל, וואָס גייט פאַרביי.
אין טעג פון אויפברויז און גערודער,
היט ער ס׳לערנען אָפּ געטריי.

אָפּן שטייען אַלע תהומען,
וואו דו גייסט, דער טויט איז דאָ.
תּליות ווארטן און פּאָגראָמען —
זיינען גרייט צו יעדער שאָ.

אָט וועט באַלד עס זיך צעשפּילן,
נאָך אַ ווייל, געוואַלט! אוי־וויי!
ס׳נעמט אין לייב דאָס בלוט שוין קילן,
ס׳פליט פון פעדערן — אַ שניי.

שטיינער הוזשען, רוצחים ברומען,
שויבן בראַזגען, ס׳בליצן העק.
איז אַ טאָג אַזאַ געקומען,
פול מיט אומגליק, טויט און שרעק.

צאַלקע, צאַלקע, אַלץ באַהאַלט זיך,
ס׳הייבט דאָס אומגליק שוין זיך אָן!
פון געשריי דער הימל שפּאַלט זיך,
ס׳ציטערט יעדן, צאָן אָן צאָן.

ווען ביסטו דאָס געלאָפן
העלפן — ווײ, דער מאַמעס צער!
— מאַמע, ס׳שטייט ס׳בית־מדרש אָפן,
ס׳איז גאָטס תורה אין געפאַר!..

קעלערס נאַסע, קויט און שימל,
הערינג - פעסער, שמאַטעס, גרעט.
וויין און שריי צו גאָט און הימל,
טויב איז גאָט צו דיין געבעט.

ס׳טראָגט זיך פון דער גאַס אַ ברומען,
פייפן, סווישטשען, אַ געבריל,

ס׳ווערט דאָס לשון אָפּגענומען
און דאָס האַרץ צעשפּרונגען ווײל.

— שלאָג, מײַן האַרץ, און ווער צעשפּרונגען,
וויין, מײַן שטימע, הייל און וואוי.
בייזער גרויל, מײַן קאָפּ, דעם יונגן,
האָסטו אַלט געמאַכט און גרוי.

— מאַמע, כ׳האָב געהערט דיין יאָמער!
ס׳שווידערט מיך נאָך איצט דערפון.
האָסט דערפילט, אַז שוין נישטאָ מער,
איז דיין קרוין, דער צווייטער זון.

האָסט אומזיסט די הענט געבראָכן,
גאָט געבעטן אויף אַ נס.
ס׳זיינען טעג און נעכט געקראָכן,
גרויל און פּחד, צוויי מעת לעת.

אויפן דריטן טאָג, באַגינען,
אין בית־מדרש ווײסטע ווענט,
האָט מען צאַלקען טויט געפונען
מיט אַ ספר אין די הענט...

— — — — — — — — — — — — — — —

האַלט דעם פּיין, וואָס טויג דאָס ריידן,
כ׳האָב די ברידער נישט דער ווערט.
ס׳איז אַ שיינער טויט זיי ביידן,
בלוטנדיק געווען באַשערט.

אָרע האָט זיין בלוט געגעבן
מוטיק, אויף אַ באַריקאַד.
אויך דער סוף פון צאַלקעס לעבן
האָט זיין בלינדן זין געהאַט.

כ׳וועל שוין זיין אַזוי אַ גרויער,
כאָטש איך האָב נאָך יונגע יאָר
און דערמאָנען כ׳וועל מיט טרויער,
יענעם בייזן טרוים, די וואָר.

הימל, יאַם און ווינט, דריי ברידער —
איך, דער דריטער, כ׳בין דער ווינט,
וואָס טראָגט מיט אומרו זיך אַ מידער,
דורך דער וועלט — אַ היימלאָז קינד,

— — — — — — — — — — — — — — —

שוואַרצע פייגל, כמאַרעס, כמאַרעס,

ס׳קומט דער טאָג מיט בליץ און בליי
גלייך דאָס ווילדע כאַיל פּרעהס,
יאָגט ישראל נאָך מיט געשריי.

שוים און שטורעם, וואָסער סימן?
כוואַליעס שלאָגן מיט געברויז.
שיף! דו שווימסט, צום ציל זאָלסט שווימען,
פון מצרים לייז אונז אויס!

די זואך בוים ריין

שוין הויבט זיך אָן אויפסניי א שווערער ארבעטס - טאָג,
א טאָג ווי אַלע טעג, מיט ווילד געררויש און רעש;
מיט פייכטקייט און מיט טוכלעקייט,
וואָס טראָגט זיך אום איןְ רוים,
און מיט פלינק געדריי פון (ספּריכעדיקע) רעדער אָן א צאָל.

די „הומבאָלדס" ווערקשטאַטן, וואָס רוען נישט קיין שאָען אין מעת-לעת,
זיי האָבן ווידער זיך מיט כוחות אָנגעגורט —
און זויגן אוים די קראַפט פון צוואנציק טויזנט ארבעטס-הענט.

און ס'איז צום שרעק קיין אונטערשיד נישטאָ פון יונג ביז אַלט;
די מיידלעך אויסגעפּוצט — אין בלויע ארבעטס-הויזלעך ביז די קני.

און שיכעלעך מיט הויכע אָפּצאַסן, די גאַרסעטס אויפֿן לייב,
אַז ס׳זאָל דער קערפּער נישט פֿאַרלירן די שלאַנקייט און דעם רייץ
פֿון יונגע מיידלשאַפֿט, וואָס ברעכט זיך מיזאַם שווער,
הויבנדיק צום פֿרעז-מאַשין די לאַנג-געטאָקטע שטאָלערנע גראַנאַטן.

„ס׳איז צייט פֿון קריג" — וויים יעדערער דעם כישופֿדיקן „שפּרוך",
וואָס מאַכט געהאָרכזאַם זיין צום גורל פֿון דער צייט —
א יעדן איינציקן און שטאָלץ געשטימטן „דייטש",
וואָס איז פֿאַרבליבן נאָך אויף אַרבעט אין פֿאַבריק,
ווי אַ זעלטנהייט צווישן מיידלעך, קריגס - געפֿאַנגענע און אַלטע לייט.
ס׳איז אומעטיק, אומהיימלעך, אָן מענער און אָן „ברויטיגאַמס",
און אינגלעך פֿערצניאָריקע, פֿילן שוין דערוואַקסנקייט אין זיך
פֿון אַרבעטן און האָבן ס׳רעכט אויף ליבע און „גענוס".
און מאַמעס אויסגעגאָגטע פֿון פֿיל שאָעדיקן שווערן אַרבעטס - יאָך,
שטייען אָנגעשטרענגטע ביי די אַרבעטס-בענק, אויסגעשמירט אין אויל,
די זאָרגן איינגעקאָרבט אין קרענקלעך מאָגערן געזיכט,
מיט ציטערניש אין האַרץ פֿאַר מענער ערגעץ וואו
פֿאַרוואָלגערטע אין שוץ-גראָבנס, פֿון פֿראַנקרייך ביי „ווערדון",
צי ביי די ברעגן זומפּיקע פֿון פֿליסעדיקן „סאָן".
און ס׳באָמבלען אין די אויערן זיך די נעמען: „בעלגראַד", „קיעוו",
„ליעזש",

צוזאַמען מיט די טענער פֿון אַן אומעטיק געזאַנג,

וואָס שניידט זיך קלאָר און שאַרף אַרויס פון דעם גערויש,
מיט ביטערקייט און צער:
— „עס איז מיר אַלעס איינס,
עס איז מיר אַלעס איינס"
און ס'וויגט דער קאָפּ זיך שטיל צום טאַקט פון דער מאַשין.

און פינצטער וויקלען זיך די רימענס, שוואַרץ און ברייט,
אויף שייבעס גלאַנציקע, וואָס ריקן אין באַוועג,
אין ווילדן הין־און־צ'ריק, די לאַנגע היבל־בענק,
וואָס שיילן אַכזריק און בייז די קרעציק האַרבע שאָל
פון שטאָל געצויגענע און וואָגיקע גראַנאַטן,
פון לאַנגע איין־און־צוואַנציקער און פערציקער די מאָס,
וואָס ליגן אויסגעשטרעקט צו פיר און דריי, אין רייען צוויי
און איבער זיי שניידט ס'מעסער שאַרף — שניצנדיק דעם גראָבן שפּאָן,
וואָס קאָרטשעט זיך מיט רויך און ראָסט, אין אַ בלויען קנויל צענויף.
און ס'דרייען זיך די דרייבענק גיך מיט רונדיקע „פּאַטראָנען־קעפּ",
מיט פעסט־פאַרשפּאַנטע נידריקע, שווערבייכיקע שראַפּנעלן.
און ס'פּאַלט מיט רעש אויף זיי דער גערלבלעך־גליטשיק זייפנדיקער שטראָם,
וואָס מאַכט דאָס אייזן אונטערטעניק, ווייך, צום האַרטן שליף פון שטאָל,
און שיילט און וויקלט עס אין גלאַנציקע ספּיראַלן אויס,
וואונדערלעך און לאַנג...
— עס רופט צום פליכט דאָס פאָטערלאַנד, די „בורשלעך" אין פאַבריק,

און ס׳רופט די נויט, וואָס האָט די קינדער איינגעשפּאַנט אין קריג,
זיי זאָלן שטיין ווי צוגעשמידט צו קליינע אויטאָמאָטן־בענק
און רייפע, ווי דערוואַקסענע, מיט הענטלעך פלינק און גיך,
באַוועגן מיט אַן אָנשטרענגונג די פייל אויף יעדן „דינג״.
זיי פייפן שטיל ניגונים אויס און זינגען קינדעריש און באַנג,
אין קיל פון האַלבער טונקלקייט, דאָס ליד פון „וואַכט אַם ריין״.

און ס׳שטייען ביי די בויער־בענק די זעלטענע פאַרבליבענע אין לאַנד,
די מענער די פּעט־לייביקע, וואָס טויגן נישט צום קריג
און די פּאָר ווערמען ס׳האָבן זיך די אומשטענדן געזאָרגט;
זיי זאָלן זיין די היטערס פון מעכטיקע ציקלאָפּישע מאַשינען,
וואָס שטייען איינגעגראָבן פעסט אין טיפעניש פון דר׳ערד
מיט רונדע מעטערדיקע פלאַנשייבעס, וואָס דרייען זיך אין קרייז
און מיט ווינקלדיקע ציין־רעדער, וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק.
נאָר ס׳שרייט אַראָפּ פון פּנימער דער הונגער און די נויט,
וואָס איז מיט מילדער רואיקייט אויסערלעך פאַרשטעלט, —
דייטשלאַנד הונגערט איצט, נישטאָ אין לאַנד קיין ברויט!
דייטשלאַנד ראַנגלט זיך אין גסיסה מיט דער וועלט.
עס ברענען העל די גאַז־לאָמפּן און זייען מאַטן ליכט,
באַלויכטנדיק דאָס שאָטן־בילד פון רימענס, רעדער, שטאָל און גוס,
און ווינדעס ווי די טשערעפּאַכעס קריכן איבער קעפּ,
און שלעפּן האַרט־פּאַרפּאַנצערטע — דעם שווערן איבערפלוס

פון פארטיקע גראנאטן — ארומגעבונדענע מיט שטאָל-געדרייטע שטריק,
און ווי אין קוילן-שאַכטן — לויפן באַנדלעך הין און צוריק.

עס איז דער טאָג פון מי, דער שרעקלעכער אומדערבאַרעמדיקער טאָג
פון אַרבעט טויט-פאַרשאַלטענער, פון פרישטיק, מיטיק און פון פעספער-צייט
ווען קרישלדיקע פעניצלעך פון פאַלש געבאַקן ברויט,
אַנגעשמירט מיט געלן קאַקוס-פעטס און שלעכטן מאַרמאַלאַד,
דאַרפן זעטיקן דעם שטאַרקן אַפּעטיט,
וואָס האָט צעזונגען זיך אין הונגעריקן לייב.

און „קעלן-קאַלק" האָט ווינטער-טעג, וואָס ווייסן נישט פון פרעסט.
דאָך ליגט די שטאָט אין פינצטערניש און שטענדיק טריפט און נעצט
אַ שפּיציק דריבנע רעגנדל, און כאָטש עס גרינט דאָס גראָז,
איז אומעטיק די ווינטער-צייט און ס'יאָגט אַ קעלט און בלאָזט.
דאָך, ציט זיך אַלץ דער אַרבעטס-טאָג אין זעלבן פולן טעמפּ
פון שאָען אויסגערעכנטע, כאָטש ס'האָט שוין לאַנג די נאַכט
פאַרשלונגען מיט איר פינצטערקייט דעם ברוייזנדיקן טאָג,
וואָס האָט צום צער באַוויזן זיך מיט אומבאַשטימטן ליכט.
און אין די נעכט ווערט בולטער דער צאָרן און די פּיין,
וואָס ליגט מיט ווי פאַרגראָבן טיף ביי יעדערן אין בליק
און ס'דוכט זיך אויס, ווי אַלדינג שרייט: „אַז ערגער קאָן נישט זיין!"
דאָך רייסט זיך נישט ס'געשריי ארויס פון חלל פון פאַבריק.

די שענק

און נישט קיין שטערנליכט און נישט לבנה־שיין,
און נישט קיין העלע פרייד ליגט אויסגעשפּרייט אויף קאַלק,
כאָטש ס׳צימבלען הייזעריק די שפּילקאַסטנס אַ מאַרש.
אין קנייפּעס ביליקע, אין יעדער איינער שענק,
וואו ביסלעכווייז פאַרזאַמלען זיך ביי קופּליעס שלעכטן ביר
דאָס פאָלק, דאָס אָרעמע פון אַרבעט און פון נויט.
און יעדער מיט זיין פּונש, און יעדער מיט זיין ביר און ווייַן,
און יעדער מיט זיין אייגענעם געזאַנג פאַרטומלען און פאַרשרייען וויל
מיט אויסטערלישער פרייד,
דעם בייז באַשריגענעם און עקבערדיקן פּיין,
וואָס לאָזט קיין רגע נישט צורו דעם דייטשן שטאָלץ.
נישטאָ קיין פלייש, קיין ברויט, און אויך דאָס ביר איז שלעכט.
און מיט גלי־פּונש דאַרף מען פאַרליגנערן די קעל, —
העי, וואָס קאָן שוין ערגערס זיין, ווען ס׳איז קיין זאַך נישט עכט?
דער קייזער האָט גערופן קריג און שטרענג איז זיין באַפעל
און ווער עס קומט פון פעלד, אויף רו אַהיים נאָך גאַנץ,
איז גוט צו טרעפן זיך אין שענק מיט אַלטע פריינט,
כאָטש ס׳איז אַן אַנגעלויף, אַ טומל, אַ געדרענג —
פון פנימער, וואָס קאָנסט זיי נישט פון נעכטן, נישט פון היינט.

פון מיידלעך באַלעבאַטישע, פון מענער — קינדער נאָך, נישט מער,
אַזעלכע און אַזוינע גאָר, פון די,
וואָס האָבן קיינמאָל נישט באַטראַכטן נאָך די שוועל
פון אָט דער בילוקייט, וואָס רופט זיך:
קנייפּע אָדער שענק.
דאָך גוט איז כאַטש דער צייט-פאַרטרייב, דער טומל און ס׳גערויש,
ווען אַלע שרייען הייזעריק און זינגען אויפן קול:
די מענער מיט די ברוסט-שטימען, האַלב שיכור פון געטראַנק
און די מיידלעך האַלטנדיק אין האַנט די גלעזלעך פונש,
און אַלע זינגען זיי פאַרבענקט, דאָס ווילפלטע געזאַנג, —
פון ליבע, היימלאַנד, שיידונג, גליק און פרייד און פלוך,
און טראגיש טראָגן זיך די שטימען פונ׳ם כאָר,
ווי אָרגלען וואָלטן זיך צעיאָמערט אין א קירך.
די מיידלעך בלעקערצן, און ס׳טראָגט זיך דאָס געזאַנג
איבער אַלעמס קעפּ און ס׳וויינט אַזוי, אַזוי:

„ווען איר ליבט אונז נישט מער,
ווען איר ליבט אונז נישט מער,
ווערט אונז דאָס האַרץ
אַזוי חרוב און לער".

און ס׳ענטפערן די אינגלינגען מיט מענערישן צער און וויי,
און הונגעריקע טראָגן זיך די קלאַנגען איבער זיי:

„דורך פעלד און דורך מער,

דורך פעלד און דורך מער,
איז ליבע און היימלאַנד
נאָר אונזער באַגער"

און ווי עס ענדיקט זיך פון ליד דאָס לעצטע וואָרט,
צערייצטע פון געזאַנג, אין נעפל פונ'ם רויך,
שפּרינגען אַלע אויף ראַפּטום פונ'ם אָרט;
די גלעזער פונש און ביר אויפגעהויבן הויך
און אַלע שיסן אוים אַ ברויזנדיק געשריי:
— „אַ־האָך"!, „אַ־האָך"!!, „אַ־האָך"!!! — ווי קנעכט, וואָס ווערן פריי
און ווידער ווערן פול די גלעזער ביזן ראַנד,
און פון אַ ווינקל שענק הויבט ווער אָן אויפסניי
צו זינגען טרויעריק אַ ליד, וואָס איז באַקאַנט,
אַ ליד, אַ האַמטענעס, וואָס מאַכט דאָס האַרץ ווי בליי.
די אויגן ווענדן זיך אַהין צום ווינקל־טיש,
וואו ס'זיצט דער בלאָנדער „קנאַב", מיט אויגן קאַלט, ווי שטאָל
און אומגעפרעגטערהייט, צי מעג מען יאָ, צי נישט,
נעמען זינגען זיי אַלע פאַר אַמאָל:

„אַ אינגל מיט לאָקיקע קרויזן
צום מיליטער מוז גיין,
און ווען ער דאַרף זיך שיידן,
זיין האַרץ איז שווער ווי שטיין.

קום, וועלן מיר קושן זיך געבן,
איידער איך גיי אינ׳ם פעלד,
ווער ווייסט, צי איך וועל נאָך אין לעבן
זיך טרעפן מיט דיר אויף דער וועלט".

און ווען דער כאָר זינגט אויס דעם לעצט פון רעפריין,
ווי „דער ליבסטער רופט זיין ליבסטע פון איר הויז",
דוכט זיך: ס׳נעמען ציטערן די זיילן פון דעם שענק,
די לאָמפּן וויגן זיך, די מענגע ברומט און זינגט —
געפּאַקט און אָנגערעגט פון פלאַמיקן עקסטאַז.
די מענטשן — קעפּ אויף קעפּ און ס׳קרעכצן טישן, שטולן, בענק,
אויף וועלכע ס׳שטייט מיט לייבנקראַפט דער זינגענדיקער מאַב,
וואָס ברומט און זינגט אומאויפהערלעך זיין אויסטערלישן הימן.
און פלוצים זעצט ארוים דער שפּיל־קאַסטן זיין מאַרש
צום טאַקט פון אַלע זינגענדיקע, ברומענדיקע לייט.
און ביי די זייטן גליווערן מיט שטוינענדיק געדולד,
די בלייך אַנעמישע, בלאָנד האָריקע פּאַלאַקן,
די וואָנצעס אויסגעווייקט און דורכגעזאַפּט מיט שנאַפּס;
פון אַרבעט אויסגענוצט און אויסגענאַגט פון פרייד,
אָן מינדסטער האָפנונג, אָן פונק פון קראַפט, אָן לעבנס־לוסט,
קוקן זיי מיט אויגעלעך, וואָס זיינען גרוי און קליין
און שפּיגלען אָן אין זיך א יאָם פאַרלוירנקייט און שרעק.
און ס׳ראַשט דאָס פאָלק זיך ווילנדיק; און אומבאַמערקטערהייט

שוין זיצן מיידלעך פריידיקע אויף קני פון יונגעלייט.
מען שושקעט און מען האַלזט זיך, מען רופט זיך: ליבשען, שאַץ,
און די רייד צעגיסן זיך אין בלוט ווי שטאַרקער וויין.
די אַלטע ווערן שווייגנדיק און ס׳יונגוואַרג שטראַלט פון לוסט,
גלייך ס׳וואָלט זיי פרעמד געווען דער טויטן-טאַנץ פון פראָנט.
נאָר איידער וואָס און ווען, אין סאַמע בראַנד פון פרייד,
שטעלט זיך אין דער עפענונג פון דער קנייפּעס טיר
אַ מאַן — אַ קאַליקע, אויף קוליעס אָנגעשפּאַרט
און מיט אויגן רויטלעכע שטעכט ער יעדן דורך:
ער קומט צו הינקענדיק אַלץ נענטער צו דעם אָרט,
וואו ס׳זיצט זיין אייגן ווייב ביי יענעם אויף דער קני
און פלוצים הויבט ער אויף מיט אָנשטרענגונג און קראַפט,
זיין אָנלענער, די קוליע, און פאַכעט מיט איר שטאַרק
איבער קעפּ און פנימער, און טרעפט אויף רעכטס און לינקס,
און פאַלט אַליין אַ מאַכטלאָזער, אָן אָנשפּאַר צו דער ערד.
מען וואַרפט די בענקלעך אום, און כאַפּנדיק די גלעזער אין די הענט —
שפּרינגט מען אויף באַוואָפנטע — נישט קענענדיק דעם פיינט,
פרוי צו פרוי און מאַן אויף מאַן, אַ ווירבל, ווי פון הינט,
צונויפגעקנוילט; מען דראַפּעט זיך, מען בייסט זיך מיט די ציין
און מען שלאָגט זיך אָרנטלעך מיט פויסטן איבער קעפּ,
פאַרטויבנדיק דעם שפּיל-קאַסטנס טומלדיק געזאַנג,
וואָס קלינגט פאַרמאַטערט, מיד, הייזעריק און קראַנק...

אויסלענדער

עם שלאָגט מיט אימפּעט פּאַלנדיק אַ האַרטער רעגנגוס,
און אין דער נאַסער פינצטערניש, פון דער פאָרשטאָט „קאַלק״
שלעפּן קוים זיך שיכורע, מיט ווייגנדיקע קעפּ,
די שאָטנס פינצטערע פון אַרבעטער, וואָס קערן אום אַהיים,
דורך גאַסן ליידיקע, אין רעגנפלייץ, נישט טרעפנדיק דעם וועג
צום בלעכערנעם, אומהיימלעכן און הילצערנעם באַראַק —
דעם איינזאַם וויַיט פאַרוואָרפענעם אויף א וויסטן פעלד,
אַרומגעצוימט מיט דראָטן-נעץ, גלייך ס'וואָלטן דאָרט געוואוינט
קרעציקע, אומהיילבארע און נישט קיין ארבעטס-לייט.

פאַרשאָלטענע, איר אויסלענדער, פונוואַנען נאָר איר קומט!
פון היימען וואַרעמע, פאַרטריבענע, פאַרנאַרט פון אומעטום,
פאַרלאָזן וויַיב און קינד און מיט אַ פרעמדער צונג,
שלעפּט איר זיך אויף הפקר אום, ווי הינט, וואָס וואָגלען שטום!
די גאַסן דרייען זיך און ס'שאָקלען זיך מיט זיי'רע טריט
קוימענס און לאַמטערנס און די איינזאַמקייט באַגלייט זיי, ווי אַ הונט.
זיי פאַלן אום און שטייען אויף, און שלאָגן קאָפּ אין וואַנט
און זינגען הייזעריקע לידער: פון היים און ווייב, און לאַנד...
נישט קיינער הערט זיי, נישט קיינער וויל זיי הערן, קיינער נישט

אין אַ שטורעמדיקער נאַכט אַזאַ איז פריילעך בלויז דער ווינט.
ער טרייבט זיי ראַשער אונטער, רעגן דינט אים פאַר אַ בייטש,
און דער שיכורער, ער קריכט און פרייכט, און רירט זיך קוים פון אָרט.
און איינציקווייז פאַלן זיי אריין צו זיך אַהיים,
אין פינצטערן באַראַקן־הויז, וואָס וואַרט מיט קעלט אויף זיי.
די טיר צעעפנט שטייט, און וויגט זיך הין און צ׳ריק,
אויף גרילצנדיקע זאַוויאַסעס, און שאָטנס אַלערליי
קריכן, קלעטערן אויף ווענט, ליגן שלעפעריק אויף דר׳ערד
און ס׳הענגען קראָקוועס אייזערנע, טראַגנדיק דעם דאַך,
אויף וועלכן ס׳פּאַלט דער רעגנשטראָם מיט שרעקלעכן געפּליוּץ.
אַ טונקלעקייט, אַ דעמפּיקייט, פאַרגליווערט הענגט אין רוים,
דער זונטיק טאָג ליגט אויסגעוועפּט אין עיפּושדיקן דאַמף.
דער דיל — אַ שמוציקער און ס׳שמעקט פון אַלץ מיט קרויט און קעז,
און מיט שלעכטן לעבער־וואורשט און זוי׳רן מאַרגאַרין.
די לאַנגע בענק, די ליידיקע, דערציילן מיסטעריעז
פון מיטיקן און אָוונט־ברויטס, פון וואַסערדיקע זופּס,
און פון הערינג זאַלציקע, וואָס קומען אָנשטאָט פלייש,
צוזאַמען מיט די ערד־עפּל, געקאָכט אין די „מונדירן";
וואו ס׳זיצן מיד די אַרבעטער, צונויפגעשלעפּט פון יעדן לאַנד.
ארום די טישנס נאַקעטקייט און קראַצן מיט די לעפלען אויס
פון טעלערס בלעכערנע, די קולריבן, די שפּאָרזאַמקייט פון שפּייז.
זוכנדיק אין רייז־וואסער א זכר כאַטש, אַ פּעדימל פון פלייש

און מיט די גומענס טשמאַטשקען זיי — געפינענדיק אַ פלוים.
פון אומעטום צונויפגעשאַרט, פון אַלע לענדער פונ׳ם פיינט,
אַן ערב-רב פון „אידן”, „פוילן” און פון נאָך אזעלכע הינט,
וואָס שטאַמען אַזש פון „ווילנע”, „וואַרשע” און „פאָדאָל”,
פול מיט אומבאַהאָלפנקייט, דערנידעריקט, באַליידיקטע
און ס׳איז אַזאַ רחמנות און ס׳איז אַ שפּאַס צו רייצן זיך מיט זיי,
און אַלע טראָגן זיי די אַרבעטס-רעק אדורכגעפעצט מיט טראָן און אייל,
וואָס גלאַנצן שטאַר, פאַרהאַרטעוועט, ווי טונקלער אייזנבלעך.
די קניטשן פון די פנימער, פאַרפולט מיט זאָרג און שטויב,
די הענט פאַרקנאָטענע מיט ראָסט און שוואַרצן חלב-פעטס,
די האָר נישט צוגעקאַמט און, גלייכגילטיק צו יעדער פיין.
און ס׳פירט דערביי צום וואַש-צימער אריין אַ שמאָלער גאַנג,
וואו זליווען ציען זיך נידריק ביי דער ערד;
אַ לאָמפּ, אַן איינזאַמער, וויגט זיך אינדערהויך —
מיט ליכט צעשאָטענעם און בעזימט אויף די ווענט,
וואָס שטייען נאַקעטע, געבלייכט מיט ווייסן שרעק,
און איינגעהילט אין ליילעכער מיט באָרווים שטילע טריט,
באַווייזן זיך פאַרשלאָפענע און טוען וואָס מען ברויכט
מיט שטיל געמורמלעריי פון פויקנדיקע בלעך.
ווי שאָטנס פון לונאַטיקער, וואָס גייען אומבאַוואוסט,
קומען און פאַרשוואונדן זיי אומהיימלעך, שטיל און זאַכט,
לאָזנדיק די שיכורע אין בלייכן נאַכט-שיין שטיין

מיט מיילער ברייט צעעפנטע, רייסנדיק די קעל פון זיך
און מיט שוויים באַגאָסענע, ארויסגעפּלאַצט דאָס עקלדיק געמיש,
פון בראָנפן, הערינג, ביר און וויין, פון שוים־קוכן און קוואַס.
נאָר וואויל איז די, וואָס שלאָפן שוין, און זיי איז זיי די רו,
די נאַכט מיט ווילקייט בויגט שטיל צו זיי זיך צו;
זיי ליגן אויסגעלייגט שיכט אויף שיכט צו פיר
אין בייסנדיק געדרוך פון מענטשן־שוויים, פון קאַרבאָל־זויער, פון שטויב,
פון אונטן און פון אויבן, צו אַכט פאַרשוין באַנאַנד
און אויף די בעטן שפּרינגען אום גלאַנצנדיקע פליי,
און וואַנצן אויסגעפּאַשעטע קריכן לעבן זיי.
צוויי הונדערט פּופּציק נעזער, שנאָרכן דאָ און גיבן אָפּ קאָנצערט
מיט ווילד געפייפערײ מיט זעגנדיק געכריפ
און אַלע ליגן זיי באַהערשט, באַזיגט פון זיסן שלאָף,
און איבער זיי די שאָען שלעפּן זיך ווי שלאַבערדיקע לייז.
שלאָפט, שלאָפט פאַרמאַטערטע, די ביינער זייַנען מיד!
געבענטשט זאָל זיין די נאַכט, וואָס גיט אייך רו און פריד,
וואָס גיט פאַרגעסנהייט פאַר יעדערן געהיר,
אויף בעטלעך אויסגעלייגט, שיכט אויף שיכט, צו פיר.
און אונטן לויפן אום די שווידערלעכע מייז,
פישטשענדיק פאַר ווילדן גיר, נישט האָבנדיק קיין שפּייז
און קיינער שטערט זיי נישט, אַלץ שלאָפט איצט מאַט און מיד,
און דורך דער דרויסנס פינצטערניש, די נאַכט מיט פוילקייט ציט.

די נאַכט, זי ציט און שיקט פון זיך ארויס אַ סילועט,
וואָס שפּאַרט זיך דורך די דורכגאַנגען, וואָס פירט פון בעט צו בעט —
אַ טונקלע, גיפּטיקע, אומהיימלעכע פיגור, געהילט אין פּעלערין,
מיט אויגן צוויי, גזלנישע, וואָס שיסן הער און הין.
זיין „אורסוס” לויפט פאָרויס, אַ הונט, אַ ווילדער „רעק”
מיט ציינער שאַרף געשליפענע, די אוי׳רן אויפגעשטעלט צו יעדן שאָרך
ער שטעלט זיך אָפּ אַ ווייל און דרייענדיק דעם עק,
קוקט ער אָן זיין האַר און רעדט זיך מיט אים דורך:
ער שלאָפט דער פינצטערער באַראַק, ער שלאָפט און זאַמלט קראַפט . . .
די נאַכט ווערט אומרואיק און שאַרט זיך מיט פאַרדאַכט
ביי אַלע זייטן ווענט און זאַמלט אַלע שאָטנס איין,
עפּעס שרעקלעכס דאַרף געשען; דערשפּירנדיק די פרעמדע טריט,
פרעגן שטיל די שאָטנס זיך: צי קומט נישט אָן דער טאָג?
און קאָנען קוים פאַר טויטער שרעק רירן זיך פון אָרט.
דער טאָג קומט אָן, דער טאָג, ער קומט, ר׳איז מענלעך, יונג און דרייסט,
אין פּחד פון דער שווארצער נאַכט, זעט מען, אַז ער ווייסט
דעם זינען פון זיין מאַכט; ער קומט, ער גייט, ער טרעט,
מיט כמאַרעס גרויע אָנגעגורט, אויף וואַכעדיקע שטעט...

מארימבא

כ׳בין מארימבא,
כ׳בין מארימבע,
די ציגיינערן, די יונגע.
ס׳פנים ברוין פון זון אינגאנצן,
און מיין שמייכל מאכט מיך זיכער.
ווען איך הויב א פוס צום טאנצן,
טאנצט מיט מיר אין טעפּ דער וויכער.

העי, איר פריצים!
העי, איר שליאכטע!
מיט די שמייכעלעך געמאכטע,
קוקט און שטוינט און פליעסקעט אונטער —

האַנט צו האַנט דעם פּייקלס ניגון:
העי, מאַרימבאַ, מאַך אונז מונטער,
לאָז די היפּטן דיינע וויגן!

פּויקל, פּייקל,
פּייקל, פּויקל,
ס'וועט דיר, פּייקל, גאָר נישט שאַטן,
האָבן פּריצים פאַרגעניגן
וואַרפן זיי זיך מיט דוקאַטן,
טרינקען וויין זיי פון די קרוגן,
בליצן שדלעך אין די אויגן,
ווערן פון די קרומע שיידן,
שווערדן בלאַנק אַרויסגעצויגן.

העי, מאַרימבאַ,
ביסט געפעלן,
טראָג־זשע זיך אין טאַנץ, אין שנעלן
פּריצים שפּילן איצטער ריטמיש
מיט די שווערדן אין דועלן.

פּערלט שוויים אויף יעדנס שטערן,
ברוסטן העשען, שווערדן פּאָכען,
איינער מוז געהרגעט ווערן —
און אַמ ליגט ער שוין דערשטאָכן...

אויף זיין ברוסט די וואונדן גליען,
און דער טויט אין זיינע אויגן.
פּריצים סודותדיקע קניען,
קעפּ אַנטבלויזט און שווער געבויגן.

העי, מאַרימבאַ,
העי, מאַרימבע,
דו ציגיינערן מכשפה!
גאַנצע האַריזאָנטן ברענען,
אין א גליענדיקע שרפה.

— גאַנצע האַריזאָנטן ברענען —
זאָל אַלץ ברענען, העי, טייוולאָנים!
ווער עס וויל מיך איינמאָל קענען,
מוז אַ קנעכט זיין צו מיין פּנים.

שווארצע זיינען מיינע לאָקן
און מיין בליק איז אומדערשראָקן,
לאַך איך — ווערט מיין יונג געלעכטער,
ווי אַ ווידערקלאַנג צעשאָטן...
כאַ-כאַ-כאַ! אַ ווילדע פרייד
ווערט אויף אַלץ און אַלץ צעשפּרייט.

כ׳קום פון שווארצע שווארצע וועלדער,
כ׳קום פון גראָטעס, כ׳קום פון היילן,
וויפיל איינער קאָן נאָר נעמען,
מערער קאָן איך נאָך צעטיילן.

כ׳בין מארימבא,
כ׳בין מארימבע,
די ציגיינערן די יונגע
א פארשאָלטענע פון מיידן,
פאר דעם טויט פון זייערע יונגען;
א פארשאָלטענע פון מאמעס,
פאר דעם טויט פון זייערע זינען,
אַלע קומען זיי צום האָניק —
פון מארימבא — ווי די בינען...

נעם איך לאַכן, לאַכט א יעדער,
נעם איך טאַנצן, פליען רעדער,
גלייך א סאָקאָל וואָלט געפלויגן,
טראָג איך מיך, ווי פייל פון בויגן.

— — — — — — — — — — — —

איינגעשרומפן, אַלט, געבויגן,
איבער רוישנדיקע גאַסן

מיט צעטריפטע מאַטע אויגן
אַ ציגיינערן, געלאַסן
קריכט און שלעפּט זיך, מורמלט אונטער,
כ׳בין מאַרימבאַ, כ׳בין מאַרימבע...

אינהאלט:

מיין מאמען, רבקה — 4
אין אונדזער צייט — 7
געטער־שקיעה — 9
מויערער? — 11
*** — 12
ביינאכט — 13
ביים צלם — 15
דאס איז דער מענטש — 16
פרילינג — 17
שטיי אויף — 19
רויטער רייטער — 21
זאמלער — 23
קנעכט — 27
העי, שטאלערנער ריטער! — 29
ריאטשועלא — 31
א בריוו — 35
הונגער — 36
אין שיין פון לאמטערן — 37
אונדזער האמער — 38
גענוג אין רו געשוויגן — 39
צום ווידערשטאנד — 41
דיכטער — 43
*** — 47
צום תלין — 48

האָט איינער געזונגען	49
בערג	51
די גוטע ברידער	53
איך	55
פאַראַן אַזאַ איינער	57
אין הונגער	59
נישט קיין האַרפע	60
דערלייזונג	61
איך בין פון בלוט אַ שמידער	63
צו מיין טאַטן...	66
יידל ממזר, מויז	67
דער דריטער	85
די וואָך ביים ריין	105
מאַרימבאַ	120

פון דעם זעלבן אויטאָר שוין דערשינען:

1) „פלעמעלעך און פייערלעך"
(לידעלעך פאַר קינדערלעך).

2) „ביי די פייערן"
(לידער און געזאנגען).

3) „פאָעמען און באַלאַדן".